STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12383

# YOYVL HEFT

## Yingl-shul Mefitsey haskole baym

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

.62.14.3

ISBN:0-657-12383-8

62.14.3

# יובל-העפט
# XV

## פון דער יינגל-שול „מפיצי השכלה"

ביים צ.ב.ק. אין ווילנע

ב.מ.

# 1915–1930

אַפּריל – 1931

פסח – תרצ"א

אַרויסגעגעבן פון יובל-קאָמיטעט

ווילנע

# צו די לייענער.

דידאַקטיק יובל־העפט איז געשאַפן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון פעדאַגאָגישן ראַט און עלטערן־קאָמיטעט פון דער יינגלשול „מפיצי השכלה" מיטן צוועק צו באַצייכענען די וויכטיקע דאַטע — 15 יאָר יינגלשול.

די יובל־העפט שטעלט פאָר מיט זיך א מתנה, וואָס די זעצער־עלטערן פון תלמידים און געוועזענע תלמידים האָבן אונטערגע־טראָגן זייער שול צו איר 15־יאָריקן יובל. אָן זייער גערנווילינקער און פרייוויליקער מיטהילף וואָלט די אויסגאַבע ביי די איצטיקע שווערע צייט בשום אופן ניט צו שטאַנד געקומען.

די שיינע מתנה איז דער בעסטער באַווייז פון דער צוגעבונדנקייט צו דער שול מצד די תלמידים און עלטערן, וועלכע האָבן זיך אויפן ערשטן רוף אַלע ווי איינער געשטעלט אונטער זייער שול־פאָן.

דער יובל־קאָמיטעט דריקט אויס זיין האַרציקן דאַנק די אַלע זעצער וואָס האָבן מיט זייער אַרבעט מיטגעהאָלפן אַרויסצולאָזן די העפט, ווי אויך די דרוקערייען „עקספרעס", פאַרלאַג „טאָמאַר", פאַרלאַג „ב. א. קלעצקין מיטן פרייוונט יוסף קאַמערמאַכער, דרוקעריי „ציונסאָן און קאָמפ.", דרוקעריי „בר. ראָזענטאַל", דרוקעריי „פראָדוציר־קאָאָפעראַטיוו", וואָס האָבן געגעבן זייערע אַרבעטער די מיגלעכקייט אויסצופירן די אַרבעט אין די אָוונט־שעה כדי אויף אַזאַ אופן אָנטייל צו נעמען אין דער שול־אַקציע פון דער יינגלשול „מפיצי־השכלה" *)

**דער יובל־קאָמיטעט.**

ווילנע, פסח תרצ"א.

---

הילע געצייכנט פון קינסטלער בן־ציון מכתם. פאָטאָגראַפיעס—פון לערער מ. ליטוואַק און די אַביטוריענטן י. שלאַפּראַק און מ. מינקאָוו.

---

## אין אויסזעצן און אָפּדרוקן די העפט האָבן אָנטייל גענומען:

באַסטאָמסקי לייזער,
בולקין אָשר,
גאָלאָמב חיים,
גאָלדשטיין לייב,
יאָפע נתן,
זשיסלין משה,
מאַליעץ ראובן,
נאָוואָגרודסקי ישראל,
צאַרקאָ מרדכי,
צאַרקאָ פּרץ,
קאַמערמאַכער ישראל,
קריניצאַ אברהם,
ראָזנטאַל ברידער,
ראָזנטאַל בער,
ראָסיצאַן רפאל,
ריגעל שלום,
רייטלער שמריהו,
שיפּרין לייב.

---

*) דער אויסערגעוויינטלעכער אופן ווי אַזוי די העפט איז צו שטאַנד געקומען, האָט גורם געווען דערצו, אַז ס'זיינען פאַראַן אין איר אייניקע טעכנישע דעפעקטן.

62.14.3



# יובל-העפט

## XV

פון דער יינגל-שול „מפיצי השכלה"

ביים צ.ב.ק. אין ווילנע

ב.מ.

20417



אין שול אַריין.

# Zeszyt jubileuszowy

## Żyd. Szkoły Powsz. „Meficej Haskala“

## przy Ż. C. K. O.

# 1915—1930

---

Nakład Komitetu Jubileuszowego

Redaktor odpowiedzialny: **S. Bastomski.**

Wilno. o o o o o o 1931

Druk. „Express„ Wilno, Wielka 33.

טעקסט און מוזיק—ח. בעני (בעזפּראָזוואַני).

# מיר זײַנען נאָך יונג!

(הימן פון „ערשטן יידישן קינדערקלוב“ בײַ דער יינגל־שול „מפיצי השכלה“ אין ווילנע).



מיר זײַנען נאָך יונג, פריש און מונטער.
ווײַט ליגט אונדזער וועג — ער איז גרויס.
מאַרש, מאַרש, אין געשלאָסענע רייען,
נו, לעבעדיק, מונטער פאָרויס!

אַליין צווישן פינצטערע נאַכטן,
אויף וועגן צעשפּרייטע אין ווײַט,
מיר קומען מיט הילכיקע קלאַנגען,
פול לעבן און הייליקן שטרײַט.

אונדז שרעקן ניט אָפּעט קיין שטורעמס —
מיר זײַנען דאָך קינדער פון דראַנג!
מיר טראָגן אין פינצטערע שטרעקעס
אַ העל און אַ לויטער געזאַנג!

און מעגן דאָרט שטורעמען ווינטן,
און מעג זײַן דער וועג נאָך ווי גרויס, —
מיר זײַנען נאָך יונג, פריש און מונטער
און צילן אויף אייביק פאָרויס!

מיר זײַנען נאָך יונג, פריש און מונטער.
ווײַט ליגט אונדזער וועג—ער איז גרויס.
מאַרש, מאַרש אין געשלאָסענע רייען,
נו, לעבעדיק, מונטער פאָרויס!



**ד"ר ה. קאָוואַרסקי,**
ערן-פּאָרזיצער פון צ. ב. ק.

# צו אַלע פריינט פון דער יידישער שול!

מיר פייערן איצט אַלע דעם 15-יאָריקן יובל פון אונדזער יינגלשול „מפיצי השכלה".

מיט שטאָלץ קאָנען מיר זיך אומקוקן אויפן וועג, וועלכן עס האָט דורכגעמאַכט איינע פון אונדזערע בעסטע אַנשטאַלטן — די יינגלשול „מפיצי השכלה".

אין די שווערע מלחמה-יאָרן איז די יינגלשול געבאָרן געוואָרן. ניט איינמאָל האָט זי זיך געפונען אין אַ געפאַר אומצוקומען צוליב די אָנפאַלן מצד שונאים מפנים ומחוץ. ימען ענערגיע, איבערגעבנקייט, ליבע האָבן די בויער און טוער אַריינגעלייגט אין זייער אַרבעט צו פאַרפעסטיקן, צו פאַרשענערן דידאַקטישע לערנאַנשטאַלט, און די יינגלשול „מפיצי השכלה" איז אַרויסגעקומען פון די אַלע נסיונות אַ געלייטערטע, אַ געהויבענע.

דער יובל פון דער שול „מפיצי השכלה" איז אַ גרויסער יום-טוב פאַר אַלע פריינט פון אונדזער מאָדערנער קולטור.

אין דעמדאָזיקן פייערלעכן מאָמענט טאָרן מיר בשום אופן ניט פאַרגעסן, אַז אונדזער שול-וועזן איז עד-היום נאָך ניט גלייכבאַרעכטיקט, אַז די רעגירונג דערפילט ניט איר חוב בנוגע די יידיש-וועלטלעכע שולן.

זאָל דער היינטיקער יום-טוב זיין אַ שטויס פאַר אַ פאַרשטאַרקטן קאַמף, וועלכער דאַרף ברענגען אונדזער שול-וועזן דעם פולן נצחון.

דאָס וועט זיין מעגלעך, ווען אַלע פריינט פון דער יידישער שול און קולטור וועלן מיט מעשים דערווייזן זייער ליבע צו דער נייער יידישער שול.

צענטראַלער בילדונגס-קאָמיטעט
(צ. ב. ק.)



ד״ר צ. שאַבאַד

געוו׳ פּאָ־זיצער פון דער חברה „מפיצי השכלה״ און גרינדער פון דער יינגלשול „מפיצי השכלה״ אין ווילנע.

## ד״ר צמח שאַבאַד

# ווי אַ פעלז אין אַ שטורעם...

(צום 15יאָריקן יובל פון דער יינגלשול „מפיצי השכלה״)

מיט 16 יאָר צוריק, אין אָנהייב פון דער גרויסער וועלט־מלחמה, האָט קיינער נאָך ניט פאָרויסגעזען די גרויסע רעוואָלוציעס אין פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן, וואָס זיינען דערנאָך פאָרגעקומען און האָבן צערודערט די גאַנצע וועלט.

אָבער דאָס יידישע לעבן איז שוין געווען צעטרייסלט ביז די סאַמע וואָרצלען...

אין ווילנע און ווילנער קאַנט, אין ליטע און פוילן, ווערנדיק אַריינגעוואָרן אין עלנט און דחקות, זיינען די יידן גלייכצייטיק באַפרייט געוואָרן פון דער צוואַנג־רוסיפיקאַציע און באַקומען די מיגלעכקייט אַרויסצוווייזן זייער נאַציאָנאַלן פרצוף און אַנטוויקלען זייער נאַציאָנאַלע קולטור.

נאָר אַלעמען האָט די דאָזיקע מיגלעכקייט אויסגענוצט ווילנע. צווישן דער לע־

רערשאַפט און די טוער פון די חברות „מפיצי השכלה" און „קינדערפאַרזאָרגונג" האָט זיך אָנגעהויבן אַן ענערגישע אַרבעט אין דער ריכטונג פון בויען דאָס יידישע שולוועזן. אויפן ערשטן פּלאַן איז געשטאַנען דאָס עפענען פאָלקס-שולן פאַר יינגלעך. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו עפענען 2 נייע יינגלשולן (חוץ די 2 קינדערהיימען, וואָס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שולן — פון זיי איינע אַ יינגלשול אין בנין פון דער געוועזענער האַנטווערקער-שול). איינע אַ קלענערע איז געעפנט געוואָרן אין דער פאָרשטאָט אַנטאָקאָל, און די אַנדערע—אַ נאָרמאַלע אייראָפּעישע 8-קלאַסיקע שול אין דער שטאָט גופא.

אָט דידאָזיקע פאָלקס-שול פאַר יינגלעך, וואָס טראָגט עד-היום דעם נאָמען „מפיצי השכלה" און וואָס פייערט איצט איר 15 יאָריקן יובליי האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין ווילנער יידישן שולוועזן.

איך האָב אָנגערופן דידאָזיקע שול „אייראָפּעישע", ווייל זי איז געווען געבויט לויטן מוסטער פון די מערב-אייראָפּעישע, דערעיקר דייטשישע פאָלקס-שולן (8 קלאַסן) און צוגעפּאַסט געוואָרן צו די אָרטיקע באַדינגונגען און צו די פאָדערונגען פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן. אַלץ איז גענומען געוואָרן אין באַטראַכט: יידיש אַלס לימוד און גרונט-געגנשטאַנד, העברעיש און תנ"ך, יידישע און אַלגעמיינע געשיכטע, יידישע ליטעראַטור, נאַטורוויסנשאַפט, מאַטעמאַטיק, די מלוכה-שפּראַך, געאָגראַפיע, אַלערליי מינים האַנט-אַרבעט, גימנאַסטיק, געזאַנג אד"ג.

און די ווילנער יינגל-שול „מפיצי השכלה" איז געוואָרן אַ מוסטער-שול פאַר אַלע אַנדערע יידישע שולן פון דעמזעלבן טיפ.

איצט, וואַרפנדיק אַ רעטראָספּעקטיוון קוק אויף דעם שווערן דורכגעגאַנגענעם וועג אין משך פון אָטאָ די 15 יאָר, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, מוזן מיר אָנערקענען, אַז די יינגל-שול „מפיצי השכלה" האָט אַ גרויסן חלק אין דעם אויפבוי פון דעם יידישן שולוועזן ניט נאָר פון ווילנע, נייערט אויך פון גאַנץ פּוילן, ליטע און לעטלאַנד.

* * *

הונדערטער יונגעלייט, באַוווסטזיניקע, פּילזייטיק-אויסגעבילדעטע, צוגעגרייטע צום לעבן, מיט ליבע און צוגעבונדנקייט צו דער יידישער שפּראַך, צו דער יידישער קולטור און צום אייגענעם פאָלק — זיינען אַרויסגעלאָזן געוואָרן אויף דער וועלט פון דער יינגל-שול „מפיצי השכלה", זיך צעמישט מיט דעםברייטן עולם און אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף פאַרשיידענע געביטן. מאַנכע פון זיי זיינען אָנגעקומען אין מיטלשולן און אין הויכשולן, געוואָרן אינזשעניערן, אַגראָנאָמען. פיל האָבן זיך פאַרנומען מיט אַנדערע פּראָפעסיעס. אַלע זיי זיינען געוואָרן נוצלעכע מענטשן, אַלעמען זיינען גוט צוניץ געקומען די ידיעות, וואָס זיי האָבן אין אָנפאַנג באַקומען, אַלע האָבן אָפּגעהיט אין זיך די אידעאַלן און דעם גייסט, וועלכע זיינען אין זיי איינגעפלאַנצט געוואָרן אין זייער פאָלקס-שול.

שווערע צייטן לעבט איצט איבער די יידישע שול אין פּוילן. אונדזערע האָפענונגען, אַז אונדזער שול וועט ענדלעך ווערן אָנערקענט און אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה, זיינען נאָך ניט מקוים געוואָרן. דאָס, וואָס אין אַנדערע מלוכות—אין לעטלאַנד, עסטלאַנד, ליטע—איז שוין לאַנג אַ געשעענער פאַקט (די יידישע שולן ווערן דאָרטן גלייך מיט אַלע אַנדערע שולן פולקום אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה), דאַרף נאָך ביי אונדז מיט גרויס מי אויסגעקעמפט ווערן. בעת אין אַנדערע מלוכות בלייבט פאַר דער לערערשאַפט בלויז איין אויפגאַבע—זיך פאַרנעמען מיט ריין פּעדאַגאָגישער אַרבעט, ליגט אויף אונדזער לערערשאַפט

נאָך די שווערע זאָרג פאַר דער סאַמע עקסיסטענץ פון די שולן, די זאָרג וועגן רעכט וועגן מקורים פון הכסנה אדג״ל.

דער 15=יאָריקער יובל פון דער שול „מפיצי השכלה״ איז אָבער אַ בולטער באַווייז אַז די יידישע שול שעפּט איר יניקה פון קוואַל פון לעבן, פון די טיפענישן פון די ברייטע פאָלקסמאַסן. די יידישע פאָלקסשול געהערט ניט צו קיין פּאַרטיי און טאָר אויך ניט ווערן קיין ווערקצייג פון וועלכער ס׳איז פּאַרטיי. די יידישע פאָלקסשול געהערט צום פאָלק און דאַרף אויך אַריינעמען דאָס בעסטע, וואָס דאָס פאָלק (און די מענטשהייט) האָט געשאַפן. די יידישע פאָלקסשול איז דעריבער פּראָגרעסיוו און דעמאָקראַטיש, און איז געבויט אויף די יסודות פון דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק.

דאָס יידישע פאָלק, די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן, די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ — אַלע זיינען בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דעם אויפבלי פון אונדזער פאָלקסשול. וועט די יידישע שול וועלקן, גוססן און אונטערגיין, וועט דאָס זיין אַ טויטקלאַפּ אויך פאַר דער יידישער קולטור און דער יידישער ליטעראַטור; פאַרקערט, וועט די יידישע שול זיך ווייטער אַנטוויקלען און אויפבליען, וועט דאָס פירן אויך צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און אויפבלי פון אונדזער ליטעראַטור.

זאָל דער 15=יאָריקער יובל פון דער פאָלקסשול „מפיצי השכלה״ זיין אַ קול=קורא צו דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג: העלפט בויען די יידישע שול! העלפט לכל=הפחות איינהאַלטן דאָס, וואָס איז שוין דערגרייכט געוואָרן! זאָל די שול „מפיצי השכלה״ בלייבן דער פעלז, וואָס איז פעסט געבליבן שטיין אין ים פון כלערליי שטערונגען און פלאָגענישן און זיך ניט אונטערגעבן די כוואַליעס פון שנאה און קנאה מצד די דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע שטורעמס!

דעם צ. ב. ק., דער פאַרוואַלטונג, דער לערערשאַפט, די אַביטוריענטן, די תּלמידים, וואָס זיינען צוליב די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען פאַר דער צייט אַרויסגעטראָטן פון דער שול און האָבן ניט זוכה געווען צו ווערן אַביטוריענטן, די איצטיקע תּלמידים און זייערע אַלעמענס עלטערן און בכלל אַלע פריינט פון דער יינגלשול „מפיצי השכלה״ אַ האַרציקן, האַרציקן מזל=טוב צום 15=יאָריקן יובל!

געזעגנט פון געוו׳ תּלמיד
רפאל ראָסיצאַן



„נישט פאַרמישפּט״ פון י. ל. פּרץ.
אויסגעפירט פון דראַמ. קרייז ביי דער יינגלשול „מפיצי השכלה״, 1930.

ש. באַסטאָמסקי.

# צו דער געשיכטע פון דער ייִנגלשול „מפיצי השׂכּלה" אין ווילנע.

דעם 28-טן דעצעמבער 1930 איז די ייִנגלשול „מפיצי השכלה" אַלט געוואָרן 15 יאָר.

אַ 15-יאָריקער יובילײ פון אַ שול איז ביי לייטן אפשר ניט כּון די גאָר גרויסע יום-טובים. ווען מיר נעמען אָבער אין באַטראַכט, וואָס די פאַרלאָפענע 15 יאָר האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך ביי אונדז אין ווילנע, וואָס די יידישע שול בכלל און די ייִנגלשול בפרט האָבן אין משך פון אָט דער צייט דורכגע-לעבט, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען און וואָס זיי האָבן דאָך דערגרייכט, ניט געקוקט אויף אַלע שווערקייטן און מאַטערנישן, וועלן מיר דאַן ערשט רעכט אָפּשאַצן די וויכטיקייט פון דער דאַטע — 15 יאָר ייִנגלשול „מפיצי השכלה".

ס'איז געווען סוף 1915 אין אָנהייב פון דער שווערער דייטשישער אָקופּאַציע אין ווילנע. די ביז איצטיקע באַלעבאַטים — די רוסן—האָבן פאַרלאָזן די שטאָט, און די פאַר-בליבענע באַפעלקערונג איז געבליבן ווי אויפן וואַסער. די רוסישע שול, וואָס איז ביז איצט געווען אַזאַ גרויסע יחסנטע, האָט מיטאַמאָל פאַרלאָרן איר גאַנצן יחוס. אַלע רוסישע שולן, און צוגלייך מיט זיי אויך די יידיש-רוסי-שע — האָבן זיך עוואַקוירט צוזאַמען מיטן גרעסטן טייל פון דער לערערשאַפט.

מיטן אַריינקומען פון די דייטשן איז פאָרגעקומען דער היסטאָרישער איבערברוך אין אונדזער לעבן—הן אין מאַטעריעלן, הן אין גייסטיקן.

אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַ-פעלקערונג האָט אָבער דאַן לײדער ניט פאַרשטאַנען (און אַ טייל—אַפילו ניט געוואָלט פאַרשטיין), אַז דאָס אַלטע איז געשטאָרבן, אַז אין סעפּטעמבער 1915 האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַ בלאַט אין דער געשיכטע פון אונדזער קאַנט, ווי אויך אין אונדזער געשיכטע.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נייַע לערניאָר, האָט דער גרעסטער טייל פון דעם יידישן בירגערטום אָן קיין שום שאלות ווידער אָפּגעגעבן די קינדער אין רוסישע שולן. אַי, די רוסישע שולן האָבן זיך עוואַקוירט?—האָט מען אַליין אָנגעהויבן בויען נייַע רוסישע שולן. אַ גרופּע לערער, וואָס איז פאַרבליבן אין ווילנע, האָט גלייך אויסגעבויט עטלעכע אַזוינע שולן, די אַזוי גערופענע „גרופּעס" און געשטעלט זיך אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע פאַרשפּרייטן רוסישע קולטור צווישן דער יידישער באַפעלקערונג.

אַ גרויסער טייל פון אָט די „שולן" איז שפּעטער אַריבער אויף דייטש, איז גרייט געווען אַריבערצוגיין אויף ליטוויש, ווען די ליטווישע מאַכט וואָלט זיך דאָ געהאַלטן עטוואָס לענגער, און נאָכדעם אָנגענומען פּויליש אַלס לערנשפּראַך, ווען די פּאָלאַקן האָבן פאַרנומען ווילנע. וועגן דער פּעדאַגאָ-גישער זייט פון אָט די גרופּעס איז ניט אָנ-גענעם צו דערציילן אַפילו.

צום גליק זיינען אין ווילנע אויך פאַר-בליבן אַ גרופּע לערער און געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן אָפּגעשאַצט די וויכטי-קייט פון יענעם היסטאָרישן מאָמענט און גענומען בויען אין ווילנע די נייַע יידישע שול.

קודם כּל האָט זיך די פראַגע וועגן דער נייַער יידישער שול געשטעלט ביי די לערער גופא. אין סעפּטעמבער 1915 גרינדעט זיך אין ווילנע דער יידישער לערער-פאַריין און אויף די ערשטע אַלגעמיינע לערער-פאַרזאַמלונגען ווערט זייער לעבהאַפט באַהאַנדלט די פראַגע

וועגן דער לערנשפּראַך און פּראָגראַם פון דער יידישער שול. די אָנהענגער פון דער מאָדערנער יידיש-וועלטלעכער שול מיט יידיש אַלס לערנשפּראַך זיינען לכתּחילה אין דער מינדערהייט.

ווען די פראַגע ווערט אָבער אויפגעקלערט און די לערער גייען צו צו איר פון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט, שטימען כּמעט אַלע איין, אַז די איינציקע לערנשפּראַך פון דער יידישער שול דאַרף זיין די מוטערשפּראַך פון די קינדער—יידיש.

אין יענער צייט האָט מען שוין געפירט די אַרבעט אויף יידיש אין 2 קינדערהיימען, ווּו ס'האָבן זיך דערצויגן קינדער פון די מלחמה-געליטענע, און אין דער פּרק-אָוונטשול, וועלכע האָט מיטן אַוועקגיין פון די רוסן אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט.

אין די קינדערהיימען, וואָס זיינען שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שולן, האָבן זיך די ערשטע צייטן געלערנט נאָר קינדער פון די ווייטע און נאָנטע שטעטלעך. קיין שטאָטישע קינדער האָט מען אין זיי ניט אָנגענומען.

יידישע שולן פאַר די שטאָטישע יידישע קינדער אָנשטאָט די פאַרמאַכטע „רוסישע שולן פאַר ייד. קינדער״ האָט מען נאָך געדאַרפט עפענען. באַזונדערס וויכטיק איז געווען צו עפענען שולן פאַר יינגלעך, ווייל 2 גרויסע געזעלשאַפטלעכע מיידלשולן זיינען גראָד געבליבן (קופּערשטיין-שול און פרוג-שול). די ערשטע האָט איבערגענומען די חברה „מפיצי השכלה״, די צווייטע האָט געהערט צו דער געז. „קינדערפאַרזאָרגונג״. אין דער ערשטער איז מען אינגיכן אַריבער אויף יידיש, אין דער צווייטער האָט דער פּראָצעס פון איבערגאַנג געדויערט לענגער און האָט זיך פאַרענדיקט ערשט אין סוף פון יאָר 1917.

די יינגלעך פון דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג האָבן אָדער גאָר קיין שול ניט באַזוכט, אָדער באַקומען די גאַנצע בילדונג אין אַלטפּרענקישע חדרים און תּלמוד תּורות. עס איז קלאָר געווען, אַז מען מוז גלייך עפענען כאָטש איין געזעלשאַפטלעכע שול פאַר יינגלעך מיט יידיש אַלס לערנשפּראַך.

די פראַגע וועגן עפענען אַזאַ שול האָט טאַקע אַוועקגעשטעלט דער יידישיסטישער פליגל פון דעם דאַמאָלסדיקן ק—ט פון דער חברה „מפיצי השכלה״. דאָ מוז מ'ט גרויס אָנערקענונג דערמאָנט ווערן די אַרבעט פון דעם אומדערמידלעכן קעמפער פאַר דער נייַער יידישער שול אין ווילנע ח' ג. פלודערמאַכער.

אין ווילנע איז דאַן פאַרבליבן נאָר אַ טייל פון ק-ט. אַ גרויסער טייל איז אַרויסגעפאָרן מיט די רוסן. די פאַרבליבענע מיטגלידער האָבן באַשלאָסן פאַרצוזעצן די אַרבעט פון דער געזעלשאַפט. מע האָט קאָאָפּטירט נאָך איינציקע מיטגלידער פון פאַרשייד. ריכטונגען און געשאַפן אַ נייעם ק-ט מיט ד״ר צ. שאַבאַד בראש.

די פראַגע וועגן דער שפּראַך פון די לימודים אין די יידישע שולן האָט זיך שוין אין דער געזעלשאַפט „מפיצי השכלה״ לעבעדיק באַהאַנדלט נאָך מיט אַ פּאָר יאָר פאַר דער מלחמה. אין דער געזעלשאַפט איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער קאַמף צווישן די אָנהענגער פון יידיש, רוסיש און העברעיש.

די יידישיסטן פון „מ. ה.״ זיינען אין די לעצטע יאָרן פון פאַר דער מלחמה אַלץ שטאַרקער געוואָרן. נאָך לאַנגע וויכּוחים האָט ענדלעך די געזעלשאַפט אין יאָר 1913 אָנגענומען אַ פּשרה-פּראָגראַם פון אַ יידישער שול מיט יידיש אַלס לערנשפּראַך.

די דאָזיקע פּרינציפּיעלע רעזאָלוציע האָט אויך געהאַט אַ ווירקונג ביים בויען דאָס פּראָגראַם פון דער יינגלשול אין ווילנע. די רעזאָלוציע איז אָבער געווען אַ טעאָרעטישע, ווייל אין ערגעץ האָט „מפיצי השכלה״ ביזן אָנהייב פון דער מלחמה ניט באַוויזן אויסצובויען קיין נייַע יידישע שולן לויט דעם אָנגענומענעם פּראָגראַם. צום ערשטן מאָל פּראַקטיש האָט זיך די פראַגע געשטעלט פאַרן ווילנער קאָמיטעט אין יאָר 1915, ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט די שטאָט.

קיין אָנהענגער פון רוסיש אַלס לערנשפּראַך זיינען אין ווילנער ק״ט דאַן ניט געווען. דער קאַמף איז פאָרגעקומען צווישן העברעיִסטן—ציוניסטן און יידישיסטן.

נאָך לאַנגע וויכּוחים און אַמפּערנישן איז מען געקומען צו אַ פּשרה: אַלע לימודים אין די יידישע שולן פון „מ. ה.“ ווערן געפירט אין יידיש. אין דער שול ווערט אויך געלערנט העברעיִש און תּנך. דערביי איז געווען אַן אָנמערקונג: אויב אַ געוויסע צאָל עלטערן וועלן אויסדריקן דעם ווּנטש צו לערנען אַלץ אין העברעיִש, דאַרפן דורכן ק״ט געגרינדעט ווערן אויך העברעיִשע שולן. קיין העברעיִשע שולן האָט דאַן קיינער ניט פאַרלאַנגט, און דער ק״ט האָט אָנגעהויבן צו בויען די ערשטע יידיש-וועלטלעכע שול פאַר יינגלעך.

אַזוי ווי די געזעלשאַפט האָט דאַן פאַרמאָגט ווייניק מיטלען און אויך צוליב פּרינציפּיעלע טעמים (מע זאָל ניט דאַרפן עפענען קיין קלאַסן אָן העברעיִש-לימוד) האָט דער ק״ט באַשלאָסן צו עפענען בלויז 3 מיטעלע קלאַסן (3-טן, 4-טן און 5-טן). אַלס צייטווייליקער פאַרוואַלטער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער שול איז באַשטימט געוואָרן מ. שאַליט, וועלכער האָט דורכגעפירט די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעטן און די איינשרייבונג פון די ערשטע 83 שילער.

בײַם צונויפשטעלן דעם ערשטן פּעד. ראַט פון דער שול איז אין ק״ט אויך פאָרגעקומען אַ קאַמף פאַר די קאַנדידאַטן פון פאַרשיידענע ריכטונגען.

אין ערשטן פּעד. ראַט פון דער שול זיינען דורכן ק״ט באַשטימט געוואָרן פאָלגנדיקע 10 לערער: ש. באַסטאָמסקי, א. י. גאָלדשמירט, י. גאָרדאָן, י. גורעוויטש, ל. טורבאָוויטש. מ. קאַפּלאַן, ש. קוידאַנאָווסקי, ז. רייזען, מ. שאַליט און מ. שור.

אויף איינער פון די ערשטע זיצונגען פון פּעד. ראַט איז אַלס פאַרוואַלטער פון דער שול מיט אַ מערהייט שטימען אויסגעוויילט געוואָרן י. גורעוויטש. אַלס ערשטן געשעפטספירער האָט די שול איינגעלאַדן דעם ח׳ באַראַן. פון ערשטן פּעד. ראַט זיינען ביז איצט פאַרבליבן אין דער שול דער שרייבער פון די שורות און מ. קאַפּלאַן.

---

די שול האָט זיך געעפנט דעם 28 (15) דעצעמבער 1915 אויף קאָנע (איצט באַזיליאַנער 4) אין שכנותדיקן לאָקאַל פון דער מיידלשול ד. קופּערשטיין. איצט פאַרנעמט דעם לאָקאַל די מיידל-שול.

די ערשטע אַרבעט אין דער נייער שול איז געווען אין לשער שווער. יעדער טריט האָט געקאָסט די לערער פיל מי און געזונט.

ביז דער מלחמה האָט מען נאָך פאַר דער יידישער שול כּמעט ווי גאָרנישט ניט צוגעגרייט. די גרעסטע אָנהענגער פון דער יידישער שול האָבן זיך, ווייזט אויס, גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אַז די פאַרווירקלעכונג פון דער שול איז אַזוי נאָענט. די לערער אין דער נייער שול איז דעריבער אויסגעקומען צו שטעלן זיך צו דער אַרבעט כּמעט מיט הוילע הענט. דעם איצטיקן לערער, וועלכער קומט שוין כּמעט אויף אַלן פאַרטיקן, איז פּשוט מקנה צו זיין. עס איז זיך גאָר שווער פאָרצושטעלן, ווי אַזוי די ערשטע לערער האָבן דאַן געאַרבעט. אַפילו פאַר זיי אַליין איז דאָס איצט אַ ווּנדער.

ניט קיין לערנביכער, ניט קיין פּראָגראַמען, ניט קיין טערמינאָלאָגיעס, ניט קיין איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע, ניט קיין קינדער-ליטעראַטור, ניט קיין שול-מכשירים — גאָרנישט איז ניט געווען. די פּאָר יידישע לערנביכלעך, וואָס זיינען שוין יאָ געווען, (ד. האָכבערגס „נייע שול“, יאָפּעס „שול-חבר“ און „קינדער וועלט“, „דאָס יידישע וואָרט“ און בראַווארניק-לעוויטאַנס רעכנבוך—ערשטער הונדערט) זיינען געווען מיט פאַרשיידענע אָרטאָגראַפיעס און טייל מיט דער פאַרעלטערטער. און די ערשטע צייט איז זיי גאָר שווער געווען צו קריגן.

אלץ האט מען געדארפט אנהייבן פונדאסניי, אלץ האט מען געדארפט שאפן.

קודם־כל האט זיך געשטעלט די פראגע וועגן פעסטשטעלן א שול־טערמינאלאגיע. דאכט זיך אזוינע איינפאכע ווערטער איצט ווי פארוואלטער, לעקציע, הפסקה, משגיח, שול־אויפזעער, שעהנפלאן, מאוול, העפט, עטיקעט אאז"וו אאז"וו האבן ביים ערשטן ראט פון דער יינגל־שול אפגענומען פיל צייט און פארשאפט פיל זארג, איידער מען האט זיי איינגע־שטעלט. היינט די באציונגען — די קעגנזייטיקע פון די לערער און פון די קינדער צו די לערער האט מען אויך געדארפט איינשטעלן. די טערמינאלאגיע פון דער אלטער שול איז געווען פרעמד דער נייער. אומעטום האט מען געדארפט זוכן נייע וועגן. אמת, על־פי נויט האט מען די ערשטע צייטן איניקע טערמינען פשוט איבערגעזעצט פון א פרעמדער שפראך. פיל טערמינען זיינען אבער געשאפן געווארן עכט־פאלקסטימלעכע און זיי האבן געדינט אלס מוסטער פאר די קינפטיקע יידישע שולן.

גרויסע שוועריקייטן זיינען אויך געווען ביים איינשטעלן די געשעפטס־פירונג און די גאנצע שול־קאנצעלאריע אין יידיש. דא האט די שול אויך געדארפט אויסטרעטן א נייעם וועג.

נאך שווערער און קאמפליצירטער איז געווען די פראגע וועגן די טערמינאלאגיעס פאר פארשיידענע לימודים. שפעטער זיינען די טערמינאלאגיעס אויסגעארבעט געווארן דורך ספעציעלע קאמיסיעס פון לערער־פאריין און פון דער שול־ארגאניזאציע. אבער ביים צוטרעטן צו דער ארבעט האבן די לערער פון דער יינגל־שול אליין גלייך געדארפט געבן אן ענטפער אויף א סך פראגן, און זיי האבן אויף דעם געביט טאקע פיל געשאפן. אויף יעדער הפסקה פלעגן פארקומען דיסקוסיעס צווישן די לערער וועגן פארשיידענע טערמינען און אפטמאל אפילו זייער הייסע...

מיט גרויס אנערקענונג דארף דא דערמאנט ווערן דער חבר ז. רייזען, וועלכער פלעגט שטענדיק אלעמען קומען צו הילף.

דער פעד ראט איז געווען באגייסטערט פון דער נייער ארבעט און האט פאר דער שול ניט געקארגט קיין מי און קיין צייט.

די לערער הייבן אן צו שאפן אויף אלע געביטן פון שול־לעבן. עס גייט אוועק א סדרה קאמיסיעס און פעד.־ראטן, וואס געדויערן אפטמאל פון 10 פרי ביז 4—5 אוונט אן א הפסקה. מען איז אזוי פארטיפט אין דער ארבעט, אז מע זעט זיך ניט ארום, ווי די צייט פליט. יעדן טאג, יעדע שעה ווערט עפעס געשאפן נייס פאר דעם גרויסן בנין, וואס הייסט די נייע יידישע שול.

---

איינע פון די גרעסטע שוועריקייטן ביי דער ארבעט אין דער יינגל־שול איז געווען דער פארשיידענער עלעמענט קינדער, וואס האט זיך פארשריבן אין דער שול. ס'איז געווען אן ערב־רב פון פארשיידענע עלטערס און פארשיידענע ידיעות. א גרויסער טייל איז געקומען פון די חדרים, האט געקאנט אביסל עברי, אביסל תנ"ך און טייל אפילו אויך גמרא און דערביי ניט געקאנט מאכן דעם קלענסטן חשבון. טייל האט שוין געלייענט רוסיש און אין יידיש ניט געקאנט אנשרייבן דאס ווארט „מאמע". און אנגעקומען זיינען זיי אין א נייער יידישער שול. און געקומען זיינען זיי פון פארשיידענע סביבות, פון פארשיידענע שולן, דאס רוב ניט דערצויגן, ניט דיסציפלינירט. דעמאראליזירט פון דער גאס.

און חוץ אלע צרות — אן ענגער לאקאל: געציילטע צימערן, אן א „רעקרעאציע־זאל.“ און ארום פעד. ראט אויסער געציילטע מיטגלידער פון ק״ט און געציילטע עלטערן — קיין סביבה, קיין לעבעדיקער נפש.

ביי אזוינע באדינגונגען האט זיך אנגעהויבן די ארבעט אין דער יינגל־שול.

די לערער האבן אבער געשעפט מוט און כוח אין דער נ י י ע ר ארבעט און, מען מעג דרייסט זאגן, געשאפן וווּנדער.

---

ווער האבן די ערשטע געשיקט די קינדער אין דער נייער שול?

א היפשער טייל איז געווען קינדער און ברידער פון געוו. תלמידים פון דער אוונטשול, קינדער פון מיטגלידער פון פראפ. פאריינען. דער דאזיקער טייל פון די עלטערן האט געהאט א באוווסטזיניקע באציונג צו דער נייער שול. דער גרעסטער טייל פון די עלטערן האט נאך אבער פון דער נייער שול קיין אנונג נים געהאט. גלייך האט דער טייל פון די עלטערן פארלאנגט פון די לערער, מען זאל אין שול דאוונען מיט די קינדער. פארן פעד. ראט שטעלט זיך דאן די פראגע — אויפקלערן די עלטערן וועגן דעם מהות פון דער נייער יידישער שול. עס קומען פאר אין שול א גאנצע ריי עלטערן־פארזאמלונגען, אויף וועלכע די לערער דערקלערן די עלטערן וועגן דעם אינהאלט פון דער נייער שול.

אין דער דאזיקער ארבעט העלפט אויך מיט דעם פעד. ראט דער ערשטער עלטערן־קאמיטעט.

די ערשטע חדשים נאך דער גרינדונג האט די שול שוין גלייך גענומען פילן א מאנגל אין מיטלען. דער ק״ט פון „מ״ה״ האט פארמאגט ווייניק מיטלען. די עלטערן זיינען געווען פון די ארעמע שיכטן.

דאס שטערט פונדעסטוועגן נים דעם פ. ר. פונאנדערצובויען די שול נאך ברייטער.

ביים צוטרעטן צו דער ארבעט איז פארן פעד. ראט גלייך קלאר געווארן, אז ביי דער גרינדונג פון דער שול איז געמאכט געווארן א גרויסער פעלער — וואס מע האט נים געעפנט די ערשטע צוויי קלאסן. א טייל פון די אנגעקומענע קינדער האבן גראד געפאסט אין די יינגערע קלאסן און געשטערט צו פירן די נארמאלע ארבעט. און אן יינגערע קלאסן האט זיך די שול בכלל געפילט ווי אן א צוקונפט. נארמאל איז קיין קלאס נים געווען. אין יעדן קלאס האבן זיך די ערשטע צייט אויסגעבילדעט פארשיידענע גרופעס כמעט אויף אלע געגנשטאנדן. דאס האט די ארבעט שטארק פארשווערט.

נאך א גרונט־פעלער איז געמאכט געווארן פון ק״ט ביי דער גרינדונג פון דער שול — וואס מע האט אויף ס״ה 3 קלאסן איינגעלאדן 10 לערער. די ארבעט איז צעברעקלט געווארן און די שול האט דערפון ווידעראמאל געליטן. איינציקע לערער האבן זיך אבער ווייניק גערעכנט מיט די געצאלטע שעהן און געגעבן אומזיסטע איבערשעהן. די ארבעט גייט אוועק מיטן פולן גאנג. די שול הייבט אן צו וואקסן. עס פארשרייבן זיך כסדר אלץ נייע קינדער. אין 3 חדשים ארום נאך דער גרינדונג פון דער שול באשליסט דער פ. ר. צו עפענען די ערשטע 2 קלאסן.

די שול ווערט אין שטאט אלץ פאפולערער און צום נייעם זמן (נאך פסח 1916) הייבן אן צו שטראמען אין דער שול אריין נייע שילער אין די הונדערטער. מע קומט פון פארשיידענע עקן שטאט און אפילו פון די ווייטע פארשטעטלעך, ווי רוזעלע, שניפישאק, אנ־

טאקאל. די דאָזיקע קינדער פון די ווייטע פאָרשטעט זיינען פאַרבליבן אין שול אויף לאַנגע יאָרן, האָבן צוגעצויגן אין „מ״ה״ אלץ נייע און נייע חברים, און מען קען זיי איצט געפינען — די געוועזענע מפיצי־השכלהניקעס גאַנצע מחנות אין אַלע ווינקעלעך פון דער שטאָט.

עס פאַרשרייבן זיך איבער 500 נייע תלמידים. צוליב מאַנגל אין מיטלען אַנטזאָגט זיך דער קאָמיטעט פון „מ״ה״ די שול צו פאַרברייטערן. דער פּעד. ראַט באַשליסט אָבער צו עפענען פּאַראַ־לעלע קלאַסן אויף זיין אייגענעם חשבון, ד״ה אַרבעטן פאַר אַ נידעריקערן לוין— נאָר פאַר די געלטער, וואָס וועלן אַריין פון שכר־לימוד.

פאַרבלייבן אין דעם ענגן לאָקאַל אויף קאָנע 4 ווערט אוממעגלעך און די שול הייבט אָן צו זוכן אַ גרעסערן לאָקאַל. מע באַמיט זיך צו באַקומען דעם לאָ־קאַל פון געזו. לערער־אינסטיטוט. דאָס גיט זיך ניט איין. אַדאַנק די באַמיונגען פון ד״ר צ. שאַבאַד גיט זיך איין צו באַקומען דעם לאָקאַל פון דער געזו. האַנדלסשול אויף אָסטראָבראָם 26 — איצט בעליני 4 — לעבן דער אייזער־נער בריק, וווּ די שול געפינט זיך עד־היום.

---

אין נייעם לאָקאַל זיינען שוין פאַראַן גענוג צימערן. דאָ ווערן געעפנט די פּאַראַלעלע קלאַסן און די אַרבעט גייט אַוועק נאָך אינטענסיווער.

צוליב מאַנגל אין ביכער און מכשירים הייבט דער פּ. ר. אָן אַליין זיי צו שאַפן. מע שרייבט און מע דרוקט קאָנ־ספּעקטן אויף פאַרשיידענע לימודים. מיטגלידער פון ראַט הייבן אָן צוגרייטן צום דרוק יידישע לערנביכער.

דער פּעד. ראַט הייבט אויך אָן צו שאַפן אַ שול־ביבליאָטעק פון יידישע און העברעיִשע ביכער. אַ רוסישע קינ־דער־ביבליאָטעק האָט די שול געירשנט פון דער געזו. האַנדלסשול.

פאַר די קינדער ווערן אָרגאַניזירט יום־טובים און פאַרוויילונגען אין שול. מע גרייט זיך צו זיי, אין אַלע ווינ־קעלעך שפּרודלט מיט לעבן און שאַפן און פרייד.

באַלד אָבער ווערט דער נאָרמאַלער גאַנג פון די לימודים אין שול אויף אַ געוויסער צייט געשטערט צוליב אַ פּרינציפּיעלן קאַמף אין פּעד. ראַט גופא. דער קאַמף האָט זיך אייגנטלעך אָנגע־הויבן שוין גלייך ביי דער גרינדונג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניט אַלע מיטגלידער פון ראַט זיינען אויסגע־שפּראָכענע אָנהענגער פון אַ נאָרמאַלער יידיש־וועלטלעכער שול. אייניקע מיט־גלידער פון ראַט זיינען געווען העברע־יִסטיש געשטימט, אייניקע האָבן בכלל ניט געהאַט קיין פעסטע מיינונג און קיין קלאָרן באַגריף, וואָס אַזוינס עס דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן די נייע יידיש־וועלטלעכע שול. אויך דער פאַר־וואַלטער פון דער שול האָט אין יענער צייט ניט געהאַט קיין פעסטע מיינונג, קיין פּרינציפּיעלן צוגאַנג און קיין קלאָרן בליק אויף דער אַרבעט. זייענדיק פאַרוואַלטער פון דער יידישיסטישער „מפיצי השכלה״ אין איר רעכטן אויפ־קום, דערלויבט זיך, למשל, דער זעלבער פאַרוואַלטער אָנצונעמען גלייכצייטיק אויך דעם פּאָסטן פון אַ פאַרוואַלטער פון דער דעמאָלט געגרינדעטער העב־רעיִשער גימנאַזיע. ערשט אַ קאַטעגאָרי־שע אינטערווענץ פון אַ פּאָר מיטגלידער פון ראַט צום פּעד. ראַט און צום קאָ־מיטעט האָט אַ סוף געמאַכט צו אַזאַ לייכטזיניקער (ווייך גערעדט) באַציונג מצד דעם פאַרוואַלטער צו דער אַרבעט אין דער נייער יידישער שול. עס פאַר־שטייט זיך, אַז פון אַזאַ באַציונג איז

דער יינגלשול דאַן קיין געזונט ניט צו־געקומען.

נאָך אַ גרופּע פון ראַט האָט פון אָנהייב אָן געהאַט אַ קלאָרע פּרינציפּיעלע שטעלונג צו דער שול און אַ געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג צו די אַלע פראַגן פון שול־לעבן.

אין געוויסע מאָמענטן זיינען אויף די זיצונגען פון פּעד. ראַט ארויסגעשווומען אויך געזעלשאַפטלעכע פראַגן. דער פּעד. ראַט האָט געמוזט האָבן צו די פראַגן זיין שטעלונג.

עס האָבן זיך אין ראַט אָפט געשטעלט פראַגן וועגן דער באַציונג צום דייטשישן שול־ראַט, צו זיינע פאַרשיידענע פאַראָרדענונגען. די אָפּאָזיציע פון ראַט פלעגט מען באַשולדיקן אין אריינטראָגן פּאָליטיק אין שול־לעבן, אָפטמאָל איז אָבער געווען אוממעגלעך די פּאָליטיק אויסצומיידן. די נייע יידישע שול האָט פון ערשטן טאָג אָן פון איר אַנטשטייונג שוין געהאַט איר קלאָרן פּנים און די בויער האָבן אויף קיין איין מינוט וועגן דעם ניט געקענט פאַרגעסן.

---

דער ערשטער שאַרפער פּרינציפּיעלער שטרייט צווישן פּעד. ראַט און ק־ט און אין ק־ט גופא איז פאָרגעקומען צוליב העברעיִש אין 2טן קלאַס.

אַ גרופּע מיטגלידער פון פּעד. ראַט, ניט זייענדיג מסכּים מיט די אַלע פּונקטן פון דער פּשרה־פּראָגראַם פון מ"ה, האָט דאָך אָנגענומען דאָס פּראָגראַם פאַר אָבליגאַטאָריש און באַמיט זיך דורכצופירן עס אין לעבן. לויט אָט דעם פּראָגראַם האָט מען אין די ערשטע 2 יאָר פון דער שול געדאַרפט פאַרפעסטיקן דעם מעכאַניזם פון לייענען יידיש און ערשט אויפן דריטן יאָר, ווען די קינדער וועלן שוין מער־ווייניקער באַהערשן דעם לייען־מעכאַניזם פון דער מוטערשפּראַך, אריינפירן אַ נייע שפּראַך — העברעיִש.

די העברעיִסטן פון קאָמיטעט און פון ראַט זיינען אָבער געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ האַפּערדיקער. זיי האָט, ווייזט אויס, שוין פאַרדראָסן די גאַנצע מעשה מיט דער יידישער שול, און זיי האָבן באַשלאָסן אויסצוניצן אַ דרוק אויפן ראַט, ער זאָל אומבאַדינגט איינפירן העברעיִש אין 2טן קלאַס. די אמתע כּוונה זייערע איז געווען — ביסלעכווייז צו העברעיִזירן די שול.

די מערהייט פון ראַט, באַקענענדיק זיך מיט די ידיעות פון די קינדער, האָט לכתחילה אָנגענומען אַ באַשלוס ניט איינצופירן קיין העברעיִש אין דעם קלאַס, ווייל דאָס רוב קינדער זיינען נאָך געווען זייער יונג און האָבן נאָך יידיש אויך געלייענט זייער שוואַך. שפּעטער אָבער, אונטערן דרוק און דראָונגען פון ק־ט, האָט זיך די מערהייט געביטן און די נייע מערהייט האָט באַשלאָסן נאָכצוגעבן די פאָדערונג פון ק־ט און איינצופירן העברעיִש אין 2טן קלאַס.

אויספירנדיק אין דעם פּונקט, האָבן די העברעיִסטן פון „מ. ה." אָנגעהויבן צוצוגרייטן אַן אַטענטאַט אויף דער גאַנצער שול.

דער גרויסער ערפאָלג פון דער נייער יינגלשול אויף יידיש האָט זיי ניט געלאָזט רוען. אין אַ שיינעם אָוונט שלעפּן זיי צונויף אַ קינסטלעכע מערהייט פון זייערע אָנהענגער אין ק־ט און נעמען אָן אַ באַשלוס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרגרעסערן די צאָל שעהן פון העברעיִש אין אַלע קלאַסן, ניט רעכענענדיק זיך לחלוטין מיט די איבעריקע לימודים אין שול. דער באַשלוס ווערט צוגעשיקט צום ראַט, ער זאָל אים גלייך דורכפירן אין לעבן.

אפילו די נייטראַלע מיטגלידער פון ראַט האָבן גלייך איינגעזען די כּוונות



10־טער אַרויסלאָז מיטן קלאַסן־לערער ש. באַסטאָמסקי, 1930.



8־טער קלאַס אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע מיטן לערער י. כמעל, 1927.

פון די העברעיִסטן. די כוונה איז געווען אַ קלאָרע: אָדער אינגאַנצן די שול צו העברעיִזירן, אָדער זי צעברעכן. און ס'איז געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס אויף דער דאָזיקער פאָדערונג פון די העברעיִסטן האָט דער ראַט געגעבן אַ נעגאַטיוון ענטפער. דער ראַט האָט זיך דעם באַשלוס פון קאָמיטעט ניט אונטערגעוואָרפן. אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס שול־יאָר.

די העברעיִסטן האָבן זיך אָבער ניט באַרויִקט. זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע מיטלען, געמאַכט אַ דרוק אויפן פאַרוואַלטער און אויף אייניקע מיטגלידער פון ראַט און דורכגעפירט דאָס נייע פּראָגראַם ביד חזקה. די מיטגלידער פון ראַט און באַזונדערס דער פאַרוואַלטער, וואָס האָבן אונטערן דרוק פון די העברעיִסטן געביטן זייער מיינונג, האָבן זיך באַמיט די זאַך צו פאַרשטעלן. און אַט כדי צו פאַרשטעלן די העברעיִזאַציע פון דער שול, האָט דער פאַרוואַלטער דאַן אויסגעאַרבעט אַ „פּראָיעקט” אָפּצוטיילן די יידישע לימודים פון די אַלגעמיינע, פאַרטיילן די שילער אויף די אַלגעמיינע און די יידישע לימודים אין פאַרשיידענע גרופּעס. דער פּראָיעקט האָט פאָרגעשטעלט אַ גרויסע סכנה פאַר דער איינהייטלעכקייט און גאַנצקייט פון דער יידישער שול. אייניקע מיטגלידער פון ראַט האָבן אָנגעוויזן אויף דער געפאַר, וואָס דער פּראָיעקט שטעלט מיט זיך פאָר, און געפאָדערט אים אָפּצוּוואַרפן. שפּעטער, אין אַ פּאָר יאָר אַרום, האָבן די אָנהענגער פון פּראָיעקט מודה געווען אויף זייער טעות און איינגעזען די גרויסע געפאַר, וואָס ס'האָט געשטעקט אין דעם פאַר דער שול. אין מאָמענט פון קאַמף האָבן זיי אָבער פון קיין זאַך ניט געוואָלט הערן און קיינע אַרגומענטן ניט אָנגענומען. די שול איז געווען אין אַ גרויסער געפאַר. דערזעענדיק, אַז קיינע אַרגומענטן ווערן דורך דער מערהייט פון ראַט ניט אָנגענומען, אַז די נייע שול, אין וועלכער זיי האָבן אַריינגעלייגט אַזוי פיל מי, אויף וועלכער זיי האָבן געלייגט אַזוי פיל האָפענונגען, ווערט צעשטערט און ניט וועלנדיק טראָגן די אחריות פאַר דעם ווייטערדיקן גורל פון דער שול, מעלדן דאַן פיר מיטגלידער פון פעד. ראַט (ש. באַסטאָמסקי, מ. חיימסאָן, חנה כהן און מ. שור), אַז זיי מוזן מיט אַ ווייטאָג אין האַרצן פאַרלאָזן די שול.

אַ גרופּע מיטגלידער פון ק־ט האָט זיך דאַן אַריינגעלייגט אין שלום. מען האָט געווירקט אויף דער מערהייט פון ראַט, אַז דער פּראָיעקט זאָל אַראָפּגענומען ווערן, אַז די אַלגעמיינע לימודים זאָלן פון דער פאַרגרעסערטער צאָל העברעיִש ניט ליידן. די אַרויסגעטראָטענע חברים האָבן זיך דאַן צוריקגעקערט צו דער אַרבעט. שפּעטער איז דער שעה־פּלאַן און דאָס פּראָגראַם ביסלעכווייז נאָרמאַליזירט געוואָרן. עס האָט אָבער די פריינט פון דער שול געקאָסט אַ סך מי און געזונט.

---

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז נאָכן אַרויסווייזן אַזאַ שטאַרקן אינטערעס צום פּראָגראַם פון דער שול האָט זיך דער ק־ט אויך געדאַרפט אינטערעסירן מיט דער מאַטעריעלער לאַגע פון דער שול. אָבער גראָד וועגן דעם האָט דער ק־ט ווייניקער ווי אַלץ געזאָרגט; די העברעיִסטן האָבן זיך אָפּגעטאָן זייער זאַך און זיינען אַוועק אָן אַ זייט, גענומען גאָר בויען העברעיִשע שולן.

די מאַטעריעלע לאַגע פון דער יינגלשול איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ שווערער. די צאָל קלאַסן און די צאָל קינדער האָבן זיך פאַרגרעסערט, דער ביודזשעט איז אויסגעוואַקסן און צו

דעקן אים איז ניט געווען מיט וואָס. די לאַגע אין שטאָט איז אויך געוואָרן שרעקלעך. די שול האָט דאַן אַליין גע־נומען זאָרגן וועגן איר גורל. ביי דער שול ווערט געגרינדעט אַ קאָמיטעט און עס גייט אַוועק אַ סדרה אונטערנעמונ־גען: קאָנצערטן, בעלער, אַ מאַסקאַראַד א. ד. גל.; צו דעם צוועק ווערט אפילו ביי דער שול געגרינדעט אַ קינדער־סימפאָניע, וועלכע טרעט אַרויס אויף די פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. די סימפאָניע העלפט מיט אַ געוויסע צייט צו פאַרגרעסערן די הכנסות פון דער שול. זי ברענגט אָבער דער שול פיל שאָדן. אין דער שול ווערט אריינגע־בראַכט אַ שלעכטער גייסט, אַ דעמאָראַ־ליזאַציע פון אַ טייל שילער. דער פעד. ראַט דערזעט די געפאַר און באַשליסט אָפּצוטיילן די סימפאָניע פון דער שול. שפּעטער פאַלט זיך די סימפאָניע פו־נאַנדער.

---

אין דער געזעלשאַפט „מפיצי השכלה“ איז דערווייל פאָרגעקומען אַ קאַמף. זע־ענדיק די כוונות פון די העברעיִסטן, אַז די יידישע שול גייט זיי בכלל ניט אָן, אַז זיי זיצן אין „מ. ה.“ נאָר צו שטערן בויען די נייע יידישע שול, האָבן די יידישיסטן, און באַזונדערס די לערער, זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַני־זירן. נאָך לאַנגע הכנות קומט פאָר אין אַפּריל 1917 די יערלעכע אַלג. פאַר־זאַמלונג פון דער געזעלשאַפט. די העב־רעיִסטן האַלטן די געזעלשאַפט פעסט אין זייערע הענט. זיי באַזאָרגן זיך מיט אַ מערהייט אויף דער אַלג. פאַרזאַמ־לונג. דער יידישיסטישער פליגל איז אָבער אויך געווען שטאַרק פאַרטראָטן. דער אינטערעס צו דער נייער שול איז אויסגעוואַקסן, אירע פריינט האָבן זיך פאַרגרעסערט. אַזוינע גרויסע אַלגעמיי־נע פאַרזאַמלונגען האָט די געזעלשאַפט שוין לאַנג ניט געזען. די יידישיסטן האָבן אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג אויפגעדעקט דעם פּרצוף פּנים פון דער העבר. מערהייט אין ק־ט מיט אדוו. ש. ראָזנבוים בראש. האָבנדיק אַ מער־הייט, פירן די העברעיִסטן דורך זייער רעזאָלוציע. זעענדיק, אַז זיי קענען גאָר־ניט אויפטאָן, פאַרלאָזט דאַן די גרויסע מחנה יידישיסטן דעמאָנסטראַטיוו די אַלג. פאַרז. שפּעטער האָבן זיך די יידי־שיסטן אָרגאַניזירט אַלס אַ גרופּע „אָפּאָ־זיציע פון דער חברה „מפיצי השכלה“. די זאַך האָט זיך אַזוי געצויגן אַ לענגע־רע צייט, ביז וואַנען מע איז געקומען צו אַ פשרה און דורכגעפירט אַ קאָאָ־ליציע־ק־ט. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און די לינקע זייגען פון „מ. ה.“ אַוועק. „מ. ה.“ איז בטל גע־וואָרן. ד יידישיסטן האָבן געבילדעט דעם צ. ב. ק. און די ציש"אָ, די העב־רעיִסטן — דעם „תרבות“.

דאָס רוב לערער פון דער ייִנגלשול האָט גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין דעם קאַמף אַרום דער שול, אין דער געזעלשאַפט.

---

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער גע־שיכטע פון דער שול (ווי אויך פון די איבעריקע ייד. שולן) פאַרנעמט די באַ־ציִונג פון דער דייטשישער מאַכט צו דער שול. פאַרנעמנדיק ווילנע, האָט די דייטשישע מאַכט אַרויפגעלייגט איר פעסטע האַנט אויף אַלע געביטן פון אָר־טיקן לעבן און בתוכם אויך אויפן שול־געביט. גלייך האָבן זיך אַ שאָט גע־טאָן פאַרשיידענע פאַראָרדנונגען וועגן צושטעלן כלערליי רעגיסטראַציעס, פּלע־נער א. אַ. פּאַפּירן. וואָס ווייטער האָבן זיי די שולן אַריינגענומען אַלץ מער אין זייערע הענט. העברעיִש און רוסיש זיינען פאַרבאָטן געוואָרן. רעליגיע און דייטש זיינען געווען אָבליגאַטאָריש.

דייטש האָט מען געמוזט איינפירן פון די ערשטע קלאַסן אָן. עס איז איינגע־שטעלט געוואָרן אַ מין צוואַנג־זונטאַג־רו. אין דעם טאָג האָט מען געמוזט לערנען נאָר רעליגיע, געזאַנג און גימ־נאַסטיק, פאַרענדיקן דעם שול־יאָר האָט מען געמוזט פּסח־צייט — און נאָך פּסח אָנהייבן אַ נײַ יאָר.

ווענן דער מאַטעריעלער שטיצע פאַר די יידישע שולן האָבן זיי אפילו ניט געטראַכט.

אויספירן אַלע פאַראָרדנונגען פון די דייטשן איז געווען אוממיגלעך. צו אַ טייל האָט מען זיך פונדעסטוועגן גע־מוזט צופּאַסן. דאָס גרונט־פּראָגראַם פון דער שול איז אָבער געבליבן ניט געענדערט. פאַר די דייטשן האָט מען געשאַפן אַ פיקטיוון שטונדן־פּלאַן.

די אמתע כוונה פון די דייטשן איז געווען צו שליסן די שולן פון די אָר־טיקע נאַציאָנאַליטעטן און צו עפענען אָנשטאָט זיי אייגענע שולן. אָפן האָבן זיי דאָס פונדעסטוועגן ניט אַרויסגע־וויזן און געוואָלט די זאַך פאַרמאַסקירן. אַלס ערשטער קרבן איז געפאַלן די יינגלשול. אונטער דעם אויסרייד, אַז אין ראַיאָן פון ליפּאָווקע הערשט אַ טי־פוס־עפּידעמיע, איז די שול אָפיציעל געשלאָסן געוואָרן, כלומרשט צוליב סאַ־ניטאַרע טעמים.

דער פּעד. ראַט האָט אָבער די שול ניט געשלאָסן. מע האָט געאַרבעט גע־היים פריער אין לאָקאַל פון שול אויף אַן אַנדער גאָרן, אין פּריוואַט־וווינונ־גען און הויפּטזעכלעך אין דער קיך, וווּ די קינדער האָבן דאַן באַקומען עסן, אויף קאָנע 4.

שפּעטער האָט זיך די ווילנער לערער־שאַפט (פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן) מו־טיק געשטעלט אַנטקעגן דער פאַראָרד־נונג פון דייטש און אַליין געעפנט די שולן. אייניקע פאַרוואַלטערס זיינען דערפאַר אַרעסטירט געוואָרן. די שולן זיינען שוין אָבער געבליבן אָפן.

די מאַטעריעלע לאַגע פון דער שול איז דערוויל געוואָרן אַלץ ערגער. אין שטאָט האָט געווילדעוועט דער הונגער. די קינדער פלעגן קומען אין שול הונ־געריקע, אָן פרישטיקן, אַפּקומען דעם טאָג מיט דעם שיסעלע זופּ, וואָס זיי פלעגן באַקומען אין דער שול־קיך.

לערנען מיט הונגעריקע קינדער איז ניט פון די לייכטע זאַכן. די לערער האָבן פונדעסטוועגן געטאָן אַלץ, כדי צו פאַרלייכטערן די קינדער. מע האָט זיך געשפּילט מיט זיי, דערציילט זיי מעשהלעך, געשפּאַצירט. דער סוף איז אָבער שטענדיק געווען — „מיר ווילן עסן", „מיר זיינען הונגעריק"...

מע האָט ניט געקאָנט צוזען דעם צער. וואָס האָבן אָבער די לערער גע־קענט טאָן? טייל פון זיי פלעגן אויך אַפּקומען דעם טאָג מיט דעם שיסעלע זופּ...

דער שכר־לימוד איז שרעקלעך גע־פאַלן. די שול האָט ניט געהאַט מיט וואָס איינצוקויפן באַהייצונג, און די קלאַסן פלעגן ניט געהייצט ווערן. געווען צייטן, ווען די קינדער און די לערער האָבן געלערנט אין מאַנטלען.

די קיך האָט אין די שווערע הונגער־יאָרן פון דער אָקופּאַציע פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין שול־לעבן. כל־זמן זי האָט זיך געפונען אין נאָענטער שכנות מיט דער שול (קאָנע 4, 2טער גאָרן), האָט זי דער שול־אַרבעט ווייניק גע־שטערט. ווען די שול האָט זיך אָבער אַריבערגעצויגן אין נייעם לאָקאַל, איז שוין דאָס עסן געבן געוואָרן אַ סך קאָמפּליצירטער. מע האָט געדאַרפט די גאַנצע שול פירן אין קיך אַריין און צוריק און באַוויזן אין משך פון אַ האַלבער שעה. דערביי האָבן נאָך אין דער זעלבער קיך געגעסן אויך אַנדערע

שולן.

די קיך־פראגן האבן פארנומען ביים פעד. ראט א סך צייט. מע האט געמאכט פארשיידענע עקספערימענטן. א געוויסע צייט געבראכט דאס עסן אין שול אריין און דא פארטיילט. שפעטער איז ביי דער שול געגרינדעט געווארן א באזונדער קיך.

די לערער האבן אויך אנטייל גענומען אין פארשיידענע קיך־קאמיסיעס. די השגחה אין קיך איז געווען ניט פון די אנגענעמע זאכן. די קינדער זיינען געווען הונגעריק און דאס עסן איז אפטמאל געווען ניט גענוג. צוזאמען מיט די קינדער פלעגן אפטמאל קומען אין קיך אריין אייניקע הונגעריקע עלטערן.

ריידנדיק וועגן דער מאטעריעלער לאגע פון די קינדער אין יענער צייט, דארף מען אויך דערמאנען, אז די שטוביקע באדינגונגען פון די קינדער זיינען דאן געווען שרעקלעך שווערע. אין די הייזער איז געווען קאלט און פינצטער. וועגן מאכן די לעקציעס אין דער היים האט גאר קיין רייד ניט געקאנט זיין. דער שרייבער פון די שורות האט דאן דורכגעפירט אין שול אן אנקעטע וועגן דער באלייכטונג. וואס האט זיך ארויסגעוויזן? קיין עלעקטרישע באלייכטונג האט קיינער ניט געהאט. אין א קליינעם טייל הייזער האבן געברענט נאפט־אדער קארביט־לאמפן, אין גרעסטן טייל הייזער — איינציקע ליכטלעך. אין א היפשן טייל הייזער איז אין אוונט גאר קיין באלייכטונג ניט געווען. די שול איז דאן געווען פאר די קינדער א שול און א היים צוזאמען. און ס'איז קיין וואונדער ניט, וואס נאך די לעקציעס פלעגן זיי גארניט וועלן אהיים גיין.

מע דארף נאך צוגעבן, אז קויפן א בוך און אפילו העפטן איז אין יענער צייט געווען פון די שווערע זאכן און ס'פלעגט אויסקומען צו באנוצן אנשטאט העפטן בלעטלעך פאפיר.

---

מיטן אוועקגיין פון די דייטשן פאלט אראפ פון דער באפעלקערונג דער שווערער יאך. אלע עטעמען פרייער אפ און צוזאמען מיט אלעמען אויך די שולן. ארום הייבן אן צו בלאזן פרישע ווינטן. דאס געזעלשאפטלעכע לעבן אין שטאט ווערט לעבעדיקער. די יידישע באפעלקערונג ווײלט דאן אויס די ערשטע דעמאקראטישע יידישע קהילה מיט א גרויסער צאל אנהענגער פון דער יידישוועלטלעכער שול. די קהילה נעמט איבער די מאטעריעלע אויסהאלטונג פון די שולן. באלד נאכדעם קומט פאר דער וויכטיקער היסטארישער פאקט, וואס די ווילנער יידישע שולן ווערן צום ערשטן מאל אויסגעהאלטן פון דער מלוכה. די ראטנמאכט, וואס פארנעמט דאן ווילנע, נעמט אריין די יידישע שול אין. דער אלג. שול־נעץ און האלט זי אויס אין פולער מאס: צאלט די לערער זייערע שכירות, האלט אויס די לאקאלן און דינערשאפט, גיט אלע נייטיקע מכשירים. שפעטער טוען דאס זעלבע די ליטווינער און טיילווייז די פאליאקן פון מיטללימע. פון די לערערשע פלייצעס פאלט אראפ די זארג וועגן דער מאטעריעלער אויסהאלטונג פון דער שול. די שולארבעט גייט דאן אוועק אין דער טיף. עס ווערט געארבעט ארום פראגראם פון דער שול, אויסבעסערונג פון לערנפלאן און אויפן מעטאדישן געביט. עס ווערן אויך צוגעגרייט נייע יידישע לערנביכער.

---

די ארומיקע געשעענישן האבן אויך געווירקט אויף די קינדער, באזונדערס אויף די עלטערע. זיי הייבן זיך אן מער צו אינטערעסירן מיט געזעלשאפטלעכע פראגן. עס מערקט זיך ביי זיי א דראנג צו שאפן אן ארגאניזאציע, „ווו זיי זאלן

זיך פילן פריי און קענען זיך צוגעוווינען צו א זעלבשטענדיקן געזעלשאפטלעכן לעבן". די ראמען פון די לימודים אין שול זיינען צו ענג פאר דעם. דאן ווערט געגרינדעט ביי דער שול דער ערשטער ייד. קינדערקלוב. מיט א געפיל פון רירנדיקער ליבשאפט דארפן דא דערמאנט ווערן די קינדער פון די ערשטע ארויסלאזן. אליין האבן זיי דאן אויסגעפונען, אויסגערייניקט און רעמאנטירט אן אפגעלאזענעם לאקאל ביי דער שול און דארט געעפנט דעם קלוב. די קינדער האבן אליין אויך געשאפן די ערשטע מיטלען פארן קלוב. א געוויסע צייט אויך געזעגט און געהאקט האלץ פאר דער שול און פון די פארהארעוועטע גראשנס זיך איינגעשאפט די ערשטע מכשירים און מאטעריאלן.

דער 1טער ייד. קינדערקלוב ביי דער שול האט אין משך פון יארן ארויסגעוויזן אן אקטיווע טעטיקייט. עס האבן געארבעט פארשייד. סעקציעס: דראמאטישע, ליטערארישע, געזאנג, ארבעט, נאטור. עס זיינען געווען קרייזן פאר פאלקלאר, צייכענען א. א. דער קלוב האט אנגעפירט מיט דער שול־ביבליאטעק. די ליטערארישע סעקציע פלעגט האבן שמועסן, רעפעראטן וועגן פארשיידענע ווערק און ארויסגעבן העקטאגראפירטע זשורנאלן אין זאמלהעפטן, די וויכטיקסטע זיינען געווען: „יונגע קנאספן" — רעד. ל. סטאצקי (1919), „פאקלען" (1921), „בלומען" (1921), „דאס קוועלעכל" (1923), „קלאנגען" (1924) (רעד. ש. ביילים, ש. כהן און ד. גורלאנד (היי־יאר געשטארבן) א. א. ביי דער ליטער. סעקציע איז געווען א קרייז פון פאלקלאר, וועלכער איז די ערשטע צייט אנגעפירט געווארן פון עמינדב מארגאלין. דער קרייז האט צונויפגעזאמלט א היפשן מאטעריאל.

די נאטורסעקציע האט געמאכט אויספלוגן, צונויפגעשטעלט פארשייד. קאלעקציעס, דורכגעפירט פיל שמועסן.

די דראמאטישע סעקציע האט געשטעלט אייניקע זאכן פון שלום־עליכם אין און אפילו אויסער דער שול, געגעבן פארשטעלונגען אויף די קלוב־אוונטן און רעווי־נומערן אויף די פריילעכע הפסקות.

די קונסט־סעקציע (אונטער דער אנפירונג פון פארשטארבענעם לערער צאסטראף) האט צונויפגעשטעלט א פראכטפולן אלבאם פון פארשיידענע צייכנונגען.

די ארבעט־סעקציע האט זיך פארנומען מיט נייען און אויסנייען, שטריקן און העפטן, צייכענען און קלעבן; א געוויסע צייט מיט איינבינדעריי און סטאלעריי, אויסגעארבעט לערן־מכשירים א. ד. גל.

אין 1טן קינדערקלוב האבן גענומען אן אנטייל די קינדער פון די עלטערע קלאסן. פאר די יינגערע קלאסן זיינען געשאפן געווארן 2 באזונדערע קלובן. אזוי ארום האבן ביי דער שול א געוויסע צייט עקסיסטירט 3 קלובן.

די ערשטע צייט האבן אין 1טן ק. קלוב אנטייל גענומען נאר די שילער פון דער יינגלשול. שפעטער האט מען אנגענומען אלס מיטגלידער שילער און שילערינס אויך פון אנד. שולן.

אין משך פון עטלעכע יאר האבן אין דער ארבעט פון קלוב גענומען אן אקטיוון אנטייל אויך די שילערינס און לערער פון דער פרוג־שול, שפעטער — פון דער קופערשטיין־שול.

דער קלוב איז געווען אן אווטאנאמע אנשטאלט ביי דער שול און געהאט זיין אייגענע זעלבסטפארוואלטונג.

צו די אנשטאלטן פון דער זעלבסטפארוואלטונג ביי דער שול דארף אויך צוגערעכנט ווערן דער שול־קאאפעראטיוו, וואס האט אין משך פון אייניקע

יאָר עקסיסטירט ביי דער שול.

צו דער אויסערשולאַרבעט דאַרף פאַררעכנט ווערן די זומער־קאָלאָניע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פאַר די קינדער פון דער שול (אויף אַמעריקאַ־נער מיטלען) אין יאָר 1920.

די פאַרשיידענע איבערקערענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין שטאָט אין יענע שטורמישע צייטן, האָבן, פאַרשטייט זיך, אין אַ געוויסער מאָס גע־שטערט דעם נאָרמאַלן גאַנג פון די לימודים. אַזוי, למשל, האָבן די שרעק־לעכע אַפּריל־טעג פון יאָר 1919 אָפּגע־האַלטן די אַרבעט פון קלוב ביז ענדע יוני. די שול האָט אָבער ניט אויפגע־הערט צו אַרבעטן אין די שווערסטע צייטן. די לערער זיינען שטענדיק גע־שטאַנען אויף דער וואַך. די אַרבעט איז ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן אפילו דאַן, ווען עטלעכע טריט פון דער שול (ביי דער בריק) איז געווען אַ מיליטערישער פראָנט און זעלנער האָבן רעווידירט אַלע דורכגייער און דורכפאָרער.

---

אין דעצעמבער 1919 קומט פאָר אין ווילנע (קרענגלס בנין) די ערשטע שול־אויסשטעלונג, די ווילנער יידישע שולן דעמאָנסטרירן דאַן צום ערשטן מאָל פאַר דער עפנטלעכקייט זייערע אויפ־טוען. די ייִנגלשול צוזאַמען מיטן קלוב שטעלן דאַן אויס אַ סך וויכטיקע עקס־פּאָנאַטן אויף אַלע לימודים און פאַר־נעמען אַ באַזונדערן צימער. שפּעטער, אין יאָר 1923, נעמט די שול אָן אַק־טיוון אָנטייל אויך אין דער צווייטער שול־אויסשטעלונג און אין יאָר 1930 אין דער דריטער. זי שיקט אויך עקס־פּאָנאַטן אויף דער אינטערנאַצ. שול־אויסשטעלונג אין לאָקאַרנאָ.

אין יאָר 1921 דערגרייכט די שול איר העכסטע שטופע — דעם אַכטן קלאַס פאַרענדיקן די תלמידים. עס קומט פאַר דער ערשטער אַרויסלאָז פון דער 8־קלאַסיקער שול *.

דער ערשטער אַרויסלאָז־עקזאַמען איז געפירט געוואָרן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן — אין דער פאָרם פון אַ שמועס פון די לערער, שילער און געסט.

דער 1טער אַרויסלאָז פון דער ייִנגל־שול האָט געוויזן, אַז די נייע יידישע שול האָט געגעבן גוטע פרוכט, אַז די שול קען מיט די ערשטע אַביטוריענטן שטאָלצירן. אַלע האָבן זיי געגעבן גוטע האָפענונגען, אַז זיי וועלן זיין די אמתע טרעגער פון די אידעען פון דער יידיש־וועלטלעכער שול.

דער 1טער אַרויסלאָז טראָגט דעם נאָמען פון ממ"ם **.

דער 1טער סיום ווערט פאַרבונדן מיט דער פייערונג פון דעם 5־יאָריקן יובילייַ פון דער שול.

---

אין משך פון די ווייטערדיקע יאָרן האָט די שול געפירט די געוויינלעכע נאָרמאַלע אַרבעט. דורך דער שול זיי־נען דורכגעגאַנגען הונדערטער קינדער. געווען צייטן בעסערע און ער־גערע, ליידן און פריידן, צייטן פון שווע־רער שווערער אַרבעט, און צייטן פון שניט, פון פרייד און באַפרידיקונג.

צו די פריידן געהערן די צענדליקע שול־יום־טובים, וואָס די שול האָט איינ־געאָרדנט אין לאָקאַל און אויסער דעם לאָקאַל פון דער שול. די שול־יום־טובים פלעגן צוגעפּאַסט ווערן צו דער צייט פון די טראַדיציאָנעלע יידישע יום־טובים, דערהויפּט חנוכה און פורים, צו יאָרצייטן און יובילייען פון יידישע שרײַפטשטעלער. פון צייט צו צייט פלעגן אויך איינגעאָרדנט ווערן פייערונגען פון באַזונדערע קלאַסן און פאַר על־טערן.

שוין דעם ערשטן פורים פון יאָר

1) אַ טייל שילער האָט מען אַרויסגעלאָזט נאָך פריער—פון 6־טן קלאַס.

2) יעדער קלאַס פון דער שול טראָגט דעם נאָמען פון אַ יידישן שרײַפטשטעלער.

1916, אין עטלעכע חדשים ארום נאָך דער גרינדונג פון דער שול איז שוין צוגעגרייט געוואָרן א פורים־יום־־טוב, מיט א פיעסע. געשטעלט האָט מען די־ וועסמאַנס „תענית”. אין זכרון איז פאַרבליבן די אויסגעצייכנטע שפּיל פון שילער רעזניק.

די שול־יום־טובים זיינען געווען א וויכטיקע דעמאָנסטראַציע פון די אויפ־ טוען פון די קינדער, באַזונדערס פון דעם יידיש־לימוד. דער יידיש־לימוד איז געווען אינגאַנצן א נייער. ניט די אַלטע שול, ניט די העברעיִשע, ניט דער חדר האָבן פון אים ניט געוווּסט. די ארויסטרעטונגען פון די קינדער זיינען דעריבער געווען אן אמתע איבערראשונג, ממש א ווונדער סיי פאַר די עלטערן, סיי פאַר די געסט. דער יידיש־לימוד האָט וואָס ווייטער אַלץ מער געווונען ביי אַלעמען אין די אויגן. אַלע האָבן דערזען און אָפּגעשאַצט דעם שאַפונגס־ מאָמענט, דעם כוח און באַטייט פון יידיש.

איינע פון די וויכטיקסטע דערגריי־ כונגען, וואָס די יינגלשול האָט געמאַכט, איז געווען דער זיג איבערן חדר. אין די ערשטע יאָרן פון דער גרינדונג האָט א היפּשער טייל קינדער נאָך דער שול באַזוכט א חדר. וואָס ווייטער ווערט די צאָל חדר־באַזוכער אַלץ קלענער און שפּעטער האָבן שוין די עלטערן אינ־ גאַנצן אויפגעהערט שיקן זייערע קינדער אין חדר.

די אַרבעט איז געגאַנגען. די שול האָט זיך פון יאָר צו יאָר אַלץ מער פאַר־ פעסטיקט. אַלע יאָר — א נייע אויפנאַ־ מע, א נייער סיום. צו די סיומים קו־ מען זיך צונויף די אַביטוריענטן פון די פריערדיקע ארויסלאָזן און עס ווערט געמיינזאַם געפייערט דער יום־טוב פון דער שול.

צוזאַמען מיט דער גאַנצער ווילנער לערערשאַפט נעמט דער פּעד. ראַט פון דער יינגלשול אַן אַנטייל אין דער גרינ־ דונג פון צ. ב. ק., פון דער צישאַ, דע־ לעגירט פאָרשטייער צו ביידע שול־צו־ זאַמענפאָרן און צו דער לערער־קאָנפע־ רענץ.

אין יאָר 1925 פּאַלט אויס דער 10־ יאָריקער יובילייִ פון דער שול. צוליב דער דאַמאָלסטיקער דעפּרעסיע אין שול ווערט די דאַטע פאַרצייכנט נאָר מיט א פאָטאָגראַפיע פון אַלע קלאַסן און פון די אַביטוריענטן.

אין יאָר 1927 ווערט ביי דער שול געגרינדעט דער בלאָז־אָרקעסטער, וועל־ כער עקסיסטירט נאָך עד־היום.

די מאַטעריעלע לאַגע פון דער שול איז ווידער א שווערע. די גוטע יאָרן האָבן לאַנג ניט געדויערט. עס הייבן זיך ווידער אָן שווערע יאָרן, ווען די לערער באַקומען ניט חדשים לאַנג קיין גע־ האַלט. די לערער נעמען ווידער זאָרגן וועגן שאַפן מיטלען פאַר דער שול.

דאָ דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז דער פּעד. ראַט איז אין פאַרשיידענע צייטן געשטיצט געוואָרן פון פאַרשיידענע פריינט און סימפּאַטיקער פון דער שול. קודם־כל זיינען דאָס געווען די עלטערן. אויסער דעם ע. ק־ט איז א געוויסע צייט נאָך געווען א באַזונדער ק־ט פון מו־ טערס, וואָס פלעגט זאָרגן וועגן דער באַשפּייזונג פון די קינדער. געווען אויך א סטודענטן־קרייז, א פאַרזאָרגונגס־ ק־ט, א געזעלשאַפט פריינט פון דער שול מיט א חודש־אָפּצאָל. געווען אויך א קרייז, וואָס האָט געצאָלט ספּעציעל פאַרן אָרקעסטער.

ניט געקוקט אויף דער שווערער לאַ־ גע, איז די שול פונדעסטוועגן געוואַקסן. עס האָבן זיך איינגעשטעלט 8 פולע קלאַסן מיט 400 קינדער. און אַזוי איז די אַרבעט געגאַנגען ביז ל״ג־בעומר פון יאָר 1928, ווען עס האָט געטראָפן דער

גרויסער אומגליק. די געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט נאָכן שפּאַציר האָבן שיר ניט געבראַכט צום אונטערגאַנג פון דער שול. עס טוט נאָך עד־היום ווי פאַר יענע צייטן און עס איז נאָך עד־היום שווער צו שרייבן וועגן דעם. פאַר אַ סך איז נאָך עד־היום ניט פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי אַ מענטש, וואָס האָט געהאָלפן בויען די שול, האָט צוליב אַ פּערזענלעכן קאָנפליקט מיטן צ. ב. ק. ניט אָפּגעשטעלט זיך פאַר קיינע מיטלען, כּדי די שול צו צעשטערן.

אין דער אַקציע זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אַ גרופּע עלטערן און די שילער. עס איז אויסגעבראָכן אַ שילער־שטרייק. מע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אפילו פאַר מסירות. ווייניק האָט געפעלט, אַז די ייִנגלשול זאָל אויפן 13טן יאָר פון איר עקסיסטענץ אונטערגיין. און נאָר די אָפּפערווייליקייט פון דער גאַנצער ווילנער לערערשאַפט, די איבערגעגעבנקייט פון די פאַרבליבענע שילער און אייניקע שול־טוער און עלטערן האָבן די שול געראַטעוועט.

דאָס שול־יאָר 1929—30 איז געווען אַ קריזיס־יאָר פאַר דער שול. מען האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט 60 קינדער. די שול איז אָבער פון קריזיס אַרויס געשטאַרקט און געזונט. דער נייער עלטערן־ק־ט און דער שול־קאָמיטעט ווייזן אַרויס אַן אַקטיווע טעטיקייט. עס ווערט דורכגעפירט אַ ווערבירונגס־אַקציע, די צאָל קינדער פאַרגרעסערט זיך כּסדר און צום סוף לערניאָר פונקציאָנירן ווידער 8 קלאַסן מיט קרוב 250 קינדער. היי־יאָר דערגרייכט די צאָל קינדער ביז 300 אין 7 קלאַסן. צוליב שפּאָרזאַמקייט איז היי־יאָר דער 8טער קלאַס ניט געעפנט געוואָרן. די שול הייבט שוין אָן צו פאַרגעסן די ווונדן פון יאָר 1928.

די צאָל פריינט פון דער שול איז אויך אויסגעוואַקסן. באַזונדערס וויכטיק איז די איבערגעגעבנקייט פון די אַביטוריענטן און געוו. שילער, וועלכע זיינען אַלע געבליבן טריי דער שול ביז גאָר.

זיי וועלן טאַקע אויף אונזער הייניטיקן יום־טוב זיין פון די הויפּט־מחותּנים. צוזאַמען מיט אַלע פריינט פון דער שול פייערן זיי איצט דעם יום־טוב פון דער שול און שטעלן זיך אַרום איר ווי אַ שוץ־וואַנט.

עס ווילט זיך האָפן, אַז די ייִנגלשול „מ״ה“, וואָס איז אַזוי פיל אויסגעשטאַנען אין משך פון די פאַרלאָפענע 15 יאָר, וועט ווייטער זיך אַנטוויקלען און וואַקסן און ווערן אַ פעסטונג פון דעם רומפולן יידיש־וועלטלעכן שולוועזן אין ווילנע.

געזעצט פון ל י י ב ש י פ ר י ן,
אַביטוריענט פון 1טן אַרויסלאָז.



**ז. רייזען**
געוו. לערער פון דער יינגלשול.

# 15 יאָר יינגלשול „מפיצי השכלה“!

עס רעדט זיך גרינג אַרויס! אָבער עס איז דאָך אַ גאַנצע עפּאָכע אַ היסטאָרישע. די העכסטע און פולסטע אָפּשפּיגלונג פון אונדזער גרויסן און שווערן קולטור-קאַמף און שול-בוי. און ווער עס האָט געהאַט די זכיה צו זיין פון די ערשטע בויער פון דער דאָזיקער שול, וועלכער עס איז באַשערט געווען צו ווערן אַ גרונדשטיין אין אַלוועלטלעכן יידישן שול-בנין, האָט געהאַט אַ גרויסע זכיה! און אויב אפילו די אומשטענדן האָבן אים שפּעטער פיזיש דערווייטערט פון דער דאָזיקער שול, וועט ער אַלעמאָל מיט התפעלות דערמאָנען יענע ערשטע טעג, די פינצטערסטע טעג פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, ווען די פּיאָנערן פון אַ נאָרמאַלער יידישער דערציונגס-סיסטעם האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר דער יינגלשול.

15 יאָר יינגלשול „מפיצי השכלה“ איז די געשיכטע פון דער יידישער פאָלקסשול, און עס איז אַ פאָלקסשול אין בעסטן זין פון די ווערטער פ אָ ל ק און ש ו ל.

„אָבער דאָס איז דאָך אַ מיטלשול“—האָט געזאָגט צו מיר דער אַנכציקטער ציביון, נאָך זיינעם אַ באַזוך אין דער יינגלשול—„און הלוואי וואָלטן די אַמעריקאַנישע מיטלשולן (די אויגערופענע היי-סקולן) געשטאַנען אויף אַזאַ מדרגה“.

15 יאָר יינגלשול „מפיצי השכלה“—עס איז דאָך אַ דור אַ גאַנצער יידישע יוגנט, הינדערטער יידישע קינדער, דערצויגן און אויסגעבילדעט אין דער שענסטער יידישער לערנאַנשטאַלט, וואָס נאָר הערצאָיזם, באַוווסטזיין און צילמעסיקע עקשנות האָבן אויפגעבויט!

15 יאָר יינגלשול „מפיצי השכלה“!—דאָס איז דאָך דער שענסטער צייכן פאַר דער לעבנספעיקייט פון דער יידישער שול, דער אַטעסטאַט אויף אונדזער רייפקייט צו בויען אונדזער דערציונג אויף אַ געבענטשטן סינטעז פון יידישע און מענטשלעכע יסודות.

15 יאָר יינלשול „מפיצי השכלה“! וואָס פאַר אַ גרויסער יידישער יום-טוב! אַ יום-טוב ניט נאָר פאַר די לערער, עלטערן און קינדער, די הויפּט-מתותנים פון דער דאָזיקער גרויסער שימחה; ניט נאָר פאַר ווילנע, וואָס די יינגלשול איז דאָך איינע פון אירע פּרעכטיקסטע אינסטיטוציעס, וועלכע האַלטן אויף איר נאָמען אין דער וועלט; אַ יום-טוב פאַר דער גאַנצער יידישער קולטור-וועלט, אַ שימחה פאַר אַלע די, וואָס שלאָגן מיט די קעפּ אין די האַרטע שטיינערנע ווענט פון רישעות, בייזוויליקייט און פינצטערניש, ש‥עלן זיך ניט אָפּ פאַר קיינע מניעות און שוועריקייטן און קרבנות אין זייער דראַנג צו בויען דאָס יידישע לעבן אויף די איינציק מעגלעכע יסודות—אויף די יסודות פון אַן אייגענער קולטור אין דער אייגענער לעבעדיקער שפּראַך! לאָמיר אַלע, אַלע, מיטפרייען זיך אויף דער דאָזיקער שימחה—לאָמיר אין דעם יום-טוב פון 15 יאָר יינגלשול „מפיצי-השכלה“ שעפּן פיזישע כוחות פאַר אונדזער קאַמף, דעם קאַמף פאַר אַ מאָדערנער יידישער שול אַלס דעם יסוד פון אַ געזונט יידיש לעבן.

געזעצט פון סאַזער
**אשר בולקין.**

**ברוך לובאָצקי**
פאַרוואַלטער פון דער יינגלשול
„מפיצי השכלה“

# דער ווידעראויפבוי פון „מפיצי השכלה“

## (די לעצטע 2½ יאָר אַרבעט אין דער שול).



ב. לובאָצקי

דער גורל האָט געוואָלט, אַז די יידישע שול, וואָס איז אין משך פון יאָרן אויסגעמאַטערט אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן קאַמף פאַר אידע צילן און אויפגאַבן, זאָל אַן איבעריקן מאָל אויסגע- פּרוּבירט ווערן אין אַ דאָפּלטן קאַמף שוין ניט נאָר קעגן אידעישע קעגנער, נייערט אויך קעגן פּערזענלעכע אַמביציעס און אומבאַ- אַנטוואָרטלעכע מעשים.

אין סוף פון צוועלפטן יאָר פון איר עקסיסטענץ (מאַי 1928 יאָר) האָט די יינגל-שול „מפיצי השכלה“ באַקומען אַ קלאַפּ פון אינעווייניק, וואָס האָט געצילט זי איינגאַנצן צו צעברעכן און איז גלייכצייטיק אויסן געווען אויך צו צעשטערן דעם גאַנצן ווילנער שול-וועזן, וואָס איז מיט אַזוי פיל מי און קרבנות אויפגעבויט געוואָרן מיט דער הילף פון דער טרייער אַרבעט פון דער לערערשאַפט, על- טערן און צענטראַלן בילדונגס-קאָמיטעט.

אין קאַמף קעגן „מפיצי השכלה“ און דעם צ. ב. ק. האָבן זיך פאַראייניקט עקסט-רעכטס און עקסט-לינקס, די שטענדיקע קעגנער פון אונזער שול-וועזן צוזאַמען מיט די כלומרשטע פריינד אונזערע. די שול איז זיך צעפאַלן. דאָס רוב קינדער און עלטערן זיינען פון איר אַוועק. מיט דעם איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דער ערשטער קאַפּיטל פון איר געשיכטע, און ס'איז געהאַנגען די פיינלעכע פראַגע וועגן איר זיין אָדער ניט זיין. דער נסיון האָט אויפגערודערט סיי אונזערע פריינד, סיי אונזערע שונאים, וואָס האָבן מיט שאָדנפרייד געוואַרט אויפן אויסגאַנג פון קאַמף און טיף אין האַרצן געגלייבט, די יינגל- שול „מ״ה“ זאָל אויסהויכן איר נשמה. דער טויט פון דער עלטסטער

שול וואָלט געווען אויך אַ קלאַפּ פאַרן גאַנצן יידיש־וועלטלעכן שולוועזן אין ווילנע.

דער צ. ב. ק. און דער לערער־פאַראיין האָבן אָפּגעשאַצט די ערנסטקייט פון דער געשאַפענער לאַגע און אַרויסבאַוויזן פיל ענערגיע און אָפּפערוויליקייט, כדי אַיינצוהאַלטן די אויסגעקעמפטע קולטור־פּאָזיציעס. דער אמת, וואָס ליגט אין אונזער שול, אירע טיפע וואָרצלען אין דער געזעלשאַפט, איר אימוניטעט, וואָס זי האָט זיך אויסגעאַרבעט אין כסדרדיקן קאַמף, דאָס אַליך האָט גובר געווען דעם אָנגריף, און אונזערע שונאים, איז ניט באַשערט געווען צו פייערן די געגאַרטע מפּלה פון אונזער שול. עס איז אַראָפּ דער גרויסער פרעג־צייכן איבער איר עקסיסטענץ און ס'איז געקומען דער ווידערגעבורט פון דער שול „מפיצי השׂכלה".

צוויי מיט אַ האַלב יאָר איז אַריבער זינט דאַן. דאָס זיינען געווען שווערע יאָרן פאַר אונזער שול, יאָרן פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט אין דער שול און אַרום איר. די אַרבעט איז נאָך איצט אין רעכטן ברען; זי איז נאָך צו פריש אויף אַריבערצוגיין אין דער געשיכטע; זי געהערט גיכער צו דער ווייטערדיקער געשיכטע פון דער שול, וואָס וועט זיכער געשריבן ווערן צו איר קומענדיקן יובל אין יאָרן אַרום. דער דאָזיקער אַרטיקל איז אויסן צו געבן בלויז בקיצור אַן אַלגעמיינעם איבערבליק פונם אינערלעכן שול־לעבן פאַר די לעצטע 2½ יאָר נאָך איר ווידעראויפלעבונג (פון אויגוסט 1928 י.).

סוף זומער, נאָך דער צעפאַלונג פון דער שול, האָט דער צ. ב. ק. פאַרעפנטלעכט אַ קאָמוניקאַט, אַז די יינגלשול „מפיצי השׂכלה" ווערט פון נייעם לערניאָר ווידער געעפנט און אַלס פאַרוואַלטער איז באַשטימט ב. לובאָצקי. עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן די עלטערן, וואָס זיינען טריי געבליבן דער שול, און ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן פון פּראָפּאַגאַנדע און הויז־אַגיטאַציע מיטן ציל צו ווערבירן קינדער אין דער שול. בראש פון דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע־קאָמפּאַניע איז געשטאַנען מ. יפה, דער איצטיקער פאַרוואַלטער מיט די ענינים פון צ. ב. ק. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע און אַן אומאָנגענעמע, מחמת די קעגנער אונזערע האָבן געלאָזט אין גאַנג אַלערליי מינים רייץ־שטאָף, בילבולים און אַפילו טעראָר קעגן אונזערע פריינד. אָבער אונזערע עלטערן און פריינד האָבן דאָס אַליך מקבל געווען באַהבה; איין געפיל האָט באַהערשט זיי אַלעמען: ניט לאָזן פאַלן די יינגלשול „מפיצי השׂכלה", אָפּרייניקן די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער אַרום דעם צ. ב. ק.

סוף אַווגוסט קומט פאָר אין קולטור־הויז (פּאָהולאַנקע 18) אַ פאַרזאַמלונג פון די עלטערן, וועלכע באַהאַנדלט די געשאַפענע לאַגע און די אויסזיכטן פון דער שול. די פאַרזאַמלונג נעמט אָן איינשטימיק אַ רעזאָלוציע צו שטיצן דעם צ. ב. ק. אין זיינע אַלע אַקציעס, וואָס האָבן דעם ציל אויפצובויען די שול „מפיצי השׂכלה".

די ערשטע צייט איז די אַרבעט פון דער פּראָפּאַגאַנדע־קאָמפּאַניע צוגעגאַנגען גאַנץ שווער. אָבער סוף אויגוסט קאָנסטרויִרט דער צ. ב. ק. אַ נייעם פּעדאַגאָגישן ראַט, וועלכער טרעט צו באַלד צו דער אינערלעכער אַרבעט אין שול. ביסלעכווייז הייבן אָן צוצוקומען נייע קינדער, עס קערן זיך טיילווייז אום צוריק אויך אַלטע געוועזענע שילער. די צאָל קינדער איז פאָרלויפיק אַ קליינע; די ערשטע טעג איז בכלל געווען שווער פעסטצושטעלן, ווער עס פאַרבלייבט אין שול און ווער עס גייט אַוועק. עס איז רעכט געווען, אַז אויך די הפסקות פלעגן איבערלויפן תלמידים פון איין שול אין דער צווייטער און צוריק. ס'זיינען געווען פיל פאַלן, ווען אונזערע קינדער האָבן געכאַפּט געשלאָגן ניט נאָר פון קינדער, נאָר אויך פון דערוואַקסענע אויפן גאַס, בעת זיי זיינען געגאַנגען אין שול. מיר האָבן געמוזט דעריבער די ערשטע וואָך איינשטעלן אַ דיזשור פון עלטערן, וואָס זאָלן אויפן וועג אָפּהיטן אונזערע קינדער פון געשלעגן און באַליידיקונגען.

עס הייבן זיך אָן די לעקציעס. גלייכצייטיק טרעט מען צו צו אַ פיבערהאַפטער אויפבוי־אַרבעט. דער עלטערן־קאָמיטעט באַמיט זיך צונויפצוזאַמלען טיילן פון דעם צעשלעפּטן אינווענטאַר (מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, ביכער פון דער ביבליאָטעק, די שולפאָן אאַז"וו), וואָס גיט אגב קנאַפּע רעזולטאַטן. די שילער, באַזונדערס פון די מיטעלע עלטערע קלאַסן, נעמען זיך באַפּוצן דעם שוללאָקאַל; ביסלעכווייז ציט מען זיך אַריין אין דער אַרבעט; דער גרעסטער טייל פון די לערער איז פאַר די תלמידים ניי און אומבאַקאַנט. אָבער אין דער מיטאַרבעט געווינען באַלד די לערער דעם צוטרוי ביי די קינדער; עס שאַפט זיך אין דער שול אַ וואַרעמע אַטמאָספער; די צאָל קינדער וואַקסט פון טאָג. די מרה־שחורה פון די ערשטע טעג הייבט אָן צו פאַרשווינדן. די תלמידים, בפרט פון די עלטערע קלאַסן, גיבן אַליין צו מוט דעם פּעדאַגאָגישן ראַט. זיי הייבן אָן צו ריידן וועגן עפענען דעם שילער־קלוב, וועגן אַוועקלאָזן אין גאַנג די אַרבעט פון שילער־אַרקעסטער; זיי טרעטן צו אַרויסצוגעבן אַ וואַנט־צייטונג.

פאַרנומען איבערן האַלז מיט צענדליקער פאַרשיידענע אַרבעטן פון טאָג־טעגלעכן שול־לעבן, געפינט דער ראַט ניט קיין צייט צו באַהאַנדלען די פאָרמען און צילן פון קומענדיקן קלוב אין שול. אָבער ס'איז גענוג געווען זיך צוצוקוקן צום לעבן דעמאָלט אין שול, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז ס'איז ניט נאָר געווען פריצייטיק, נאָר בכלל איבעריק מכוח דעם צו ריידן. די קינדער פלעגן פאַרברענגען אין שול גאַנצע טעג, פאַרבלייבן שעהנווייז נאָך די לימודים, קומען נאָך מיטאָג. זיי האָבן אַליין אויסגעבילדעט פון זיך אַ דראַמאַטישן קרייז און אָנגעהויבן צו אַרבעטן: זיי האָבן איבערגעבויט די שולבינע, אויסגעפוצט די ווענט מיט בילדער, די פענצטער — מיט נייע

באַרהעגנליך; אַ גאַנצן טאָג האָט ניט אויפֿגעהערט צו קלאַפּן דער האַמער; אינמיטן כאַפּט מען אַ טענצל, און מע פּאַרצייט אַ לידל; דאָ קלייבט מען זיך צוזאַמען כּדי צו באַהאַנדלען אַ וויכטיקן ענין, ווי אַזוי איבערצונעמען אויף זיך די השגחה בעת די הפסקות, ווי קומט מען צוהילף די אָרעמע חברים, וואָס האָבן ניט קיין לערנביכער; מען באַשליסט צו מאַכן אַליין טעקעס פֿאַר די גאָר קליינע חברים פֿון די יינגערע קלאַסן און באַלד — פֿון וואָרט צום טאַט. און די לערער זיינען נישט אָפּגעשטאַנען פֿון די תּלמידים. דער עיקר וואָס עס דאַרף ווערן פֿאַרצייכנט דאָ אין טאָג פֿון יובל: די קינדער אַליין האָבן ניט קיין קלענערע פֿאַרדינסטן פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון דער שול, ווי די עלטערע. „מיר זיינען די ראָבינזאָנס, וואָס דער ים-שטורעם האָט אַרויסגעטראָגן אויף אַן אינזל", האָט זיך דאַן אויסגעדריקט איינער פֿון די תּלמידים. ער האָט געמיינט מיט דעם צו זאָגן, אַז די תּלמידים מוזן נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע צוריק אויפֿבויען זיך אַ ניי לעבן ביי די נייע באַדינגונגען. און ניט נאָר געזאָגט האָבן זיי, נייערט אויך געטאָן.

צוגלייך מיט דער אינערלעכער אַרבעט איינצושטעלן דאָס נאָרמאַלע לעבן אין שול איז געשטאַנען פֿאַר אונז די צווייטע וויכטיקע אויפֿגאַבע—די געזעלשאַפֿטלעכע: פֿאַרבינדן זיך מיט דער ברייטער געזעלשאַפֿט, אויף וועלכער מיר שטיצן זיך, פֿירן דאָרט די נייטיקע אויפֿקלערונגס-אַרבעט וועגן די צילן און דעם כאַראַקטער פֿון אונזער שול און ממילא געבן אַ ווידיקן ענטפֿער אַלע אונזערע קעגנער אויף זייערע אַרויסטריטן קעגן אונז. אין אַ ברייטערן פֿאַרנעם האָט די אַרבעט געפֿירט דער צ. ב. ק. אָבער אויך מיר פֿון אונזער זייט, אַלס שול, האָבן גענומען אין דער אַרבעט אַ טיכטיקן אָנטייל.

די קעגנער האָבן זיך באַמיט צוצוגעבן זייער קאַמף קעגן „מפיצי השכלה" און בפֿרט קעגן דעם צ. ב. ק. אַן אידעיִשן כאַראַקטער, כּדי צו פֿאַרדעקן זייערע אמתע כּוונות און מאָטיוון. אָבער דער אמתער אונטערשלאַק האָט געריסן אַלעמען די אויגן. מיר האָבן זיך געריכט, זיי זאָלן אַרויסרוקן קעגן אונז נייע צילן אַ נייע פּראָגראַם, אַן אַנדער ריכטונג, ציגעבן זייער נייער שול אַן אַנדער פּאָזיציון אינהאַלט, וואָס זאָל בולט מאַכן זייער גרונט-געדאַנק און אידעיִשע קאַמפּס-מאָטיוון.

ס'איז ניט דאָ דאָס אָרט איבערצוחזרן די אַלע שקרים, וואָס אייניקע פֿון זיי האָבן געלאָזן אין גאַנג קעגן אונז; פֿאַר יעדן בר-דעת איז געווען קלאָר, אַז ביי אונזערע באַדינגונגען האָט זייער אַקציע פֿון פֿאַרמיאוסן דעם יידיש-וועלטלעכן שול-וועזן אין די אויגן פֿון דער געזעלשאַפֿט געעפֿנט אַ ברייטע טיר צו די „שאַבאַשוועקעס". און ס'איז ניט קיין צופֿאַל, וואָס גראָד פֿון דאַן אָן הייבן אָן זיך אַיינצובירגערן אין ווילנע די „יידישע" פֿאָהשעבנע



VI קלאַס אין סטאָלערײַ-וואַרשטאַט מיטן לערער ש. גאָלאָמב 1929.



רייזען-פײַערונג אין דער ייִנגלשול מיטן אָנטייל פון דיכטער אברהם רייזען 1929.

שולן, וואָס האָבן ביז דאַן קיין דערפאָלג בײַ אונז אין שטאָט ניט געהאַט. און ס'איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס צו זייער שפּיל האָבן זיך צוגעשמירט פאַרשיידענע אַסימילאַטאָרישע עלעמענטן, וועלכע זיינען אויסן געווען אינמיטן דער שפּיל אויסצולעשן די ליכט און צוכאַפּן פון טיש. און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, פאַרוואָס זיי האָבן געהאַט אַזויפיל סימפּאַטיע און ממשותדיקע הילף פון דרויסן, דאָרט וואו מיר האָבן תמיד בלויז שטערונגען... די רעזולטאַטן פון זייערע מעשים האָבן מיר דערשפּירט באַלד, ווי מיר זיינען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

אָנהייב אָקטאָבער 28 /19 רופט צונויף ד"ר קאָוואַרסקי בײַ זיך אין וואוינונג אַ ברייטערע באַראַטונג פון געזעלשאַפטלעכע טוער, וואו עס ווערט באַשלאָסן צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל מאָראַליש און פינאַנציעל שטיצן די שול „מפיצי השכלה". עס ווערט אויסגע-ווײלט אַ ספּעציעלער שול-קאָמיטעט מיט ד"ר א. גאָלדבורט אַלס פאָרזיצער און מען טרעט צו צו דער אַרבעט פון ווערבירן מיטגלידער, זאַמלען באַשטייערונגען, אײַנאָרדענען עפנטלעכע אַרויסטרע-טונגען, אונטערנעמונגען, שול-יום-טובים אאַז"וו. אַדאַנק דעם שול-קאָמיטעט איז מעגלעך געווען אין משך פון די לעצטע 2 שווערע יאָרן אויסצוהאַלטן דעם אָרקעסטער, דעם קלוב, דעם שול-גאָרטן. זיי האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו פּאָפּולאַריזירן די שול אין פאַרשיידענע קרייזן פון דער געזעלשאַפט. מיט זייער וואַרעמער באַציִונג האָבן זיי אַ סך מיטגעהאָלפן אונז אויפצובויען די חרובע שול אין די שווערע יאָרן פון קריזיס.

איך האָב שוין אויך דערמאָנט וועגן דער ווירקלעכער פּראָפּאַ-גאַנדע-אַרבעט, וואָס עס האָט אָנגעהויבן דער עלטערן-קאָמיטעט ביים עפענען די שול. דאַן האָבן אין דער אַרבעט גענומען אָנטייל אויך די עלטערן. קאָמ-ן פון די איבעריקע צ. ב. ק.-שולן. וועגן דער ראָלע פון די עלטערן בכלל אין אונזער שול-לעבן וועט מיר נאָך אויסקומען צו באַרירן ניט איינמאָל. אָבער שוין דאָ מוז באַמערקט ווערן, אַז דער מוסטערהאַפטער אַרבעט פון אונזערע טרייע על-טערן-קאָמיטעטן אין דער שול „מפיצי השכלה" האָבן מיר אַ סך צו פאַרדאַנקען ביים אויפבוי פון דער שול.

די פינאַנציעלע לאַגע פון דער שול אין ערשטן יאָר נאָכן חורבן איז געווען זייער אַ שווערע. די צאָל קינדער איז געווען קליין, דער שכר-לימוד איז געפאַלן, די אַמעריקאַנער סובסידיעס זיינען שוין דאַן געוואָרן פאַרקלענערט פאַר אונזערע אַלע שולן. עט-וואָס בעסער איז געוואָרן די לאַגע אויפן צווייטן לערניאָר, ווען די צאָל תלמידים האָט זיך פאַרגרעסערט. אָבער גראָד דאַן זיינען שטאַרק געשטיגן אין שול די הוצאות, מחמת צוליב דעם גרויסן צופלוס פון נייע תלמידים האָבן מיר געמוזט שאַפן אַ פּאַראַלעלן ערשטן קלאַס, וואָס האָט באַשווערט דעם בודזשעט. באַזונדערס



גאָרטן־קאָמיסיע מיטן לערער א. בולקין 1930.



שול־אָרקעסטער מיטן פאַרוואַלטער און די מוזיק־לערער ב. עלמאַן (רעכטס) און י. ראַוזאַ (לינקס).

שווער איז די פינאַנציעלע לאַגע פון דער שול אין לויפנדן לערניאָר; דער קריזיס אין לאַנד, וואָס האָט זיך באַזונדערס שאַרף אָפּגערופן אויף אונזער שטאָט, די גרויזאַמע אַרבעטסלאָזיקייט און דער דלות צווישן אונזערע עלטערן,—דאָס אַליין האָט שווער געטראָפן אונזער גאַנצן שול-וועזן און געשאַפן פאַר אונז אַ קאַטאַסטראָפאַלן מצב.

לויט דער סאָציאַלער לאַגע געהערן דאָס רוב עלטערן אונ-זערע צו בעל-מלאכות (אַן ערך 40 פראָצ.) קליינהענדלער (15—20 פראָצ.) אַרבעטער און אָנגעשטעלטע (25 פראָצ.).

ניט געקוקט אָבער אויף דער שווערער לאַגע, האָט זיך דער פעד. ראַט ניט פאַרלאָרן. ער אַנטוויקלט אַן ענערגישע פינאַנציעלע קאָמפּאַניע; צוזאַמען מיטן עלטערן-קאָמיטעט און שול-קאָמיטעט אָרדנט ער איין כסדר אַ ריי פינאַנציעלע אונטערנעמונגען; פון דער אַנ-דערער זייט שטעלט זיך דער ראַט ניט אָפּ פאַר קיינע הוצאות וואָס זיינען נייטיק אויף צו פאַרבעסערן און פאַרפיינערן די שול. פון די מאָגערע מיטלען פאַרגרעסערט מען די שול-ביבליאָטעק. מען שאַפט זיך איין די נייטיקע שול-מכשירים, מען פירט דעם שול-גאָרטן, די וואַרשטאַטן, דעם קלוב.

גלייכצייטיק לאָזט מען אין גאַנג דעם שילער-אָרקעסטער. מען האָט איינגעלאַדן ספּעציאַליסטן-לערער, אויסגעאַרבעט אַ רעפּערטואַר, באַהאַנדלט די נייע מעטאָדן און לערנפּלאַן פאַר דער ווייטער-דיקער אַרבעט. דער אָרקעסטער איז געוואָרן אינגאַנצן רעפאָרמירט. ער האָט זיך שפּעטער זייער גוט אַנטוויקלט. לעצטנס איז אין שול טעטיק אויך אַ צווייטער יינגערער אָרקעסטער, וואָס איז שוין אַפילו מיט דערפאָלג אַרויסגעטראָטן אויף די שול-יום-טובים.

זייער גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין אין אונזער אינערלעכער פּעדאַגאָגישער אַרבעט. די ערשטע צייט איז ביי די קינדער געווען פריש דער איינדרוק פון די זומערדיקע געשע-ענישן. און נאָך אַדאַנק דעם נייעם גייסט פון דער אָנגעהייבענער אַרבעט. דער צוזאַמענאַרבעט פון די לערער און קינדער, אַדאַנק דעם קלוב, די שול-יום-טובים אד"ג האָט זיך גיך איינגעגעבן צו שאַפן ביי זיי נייע פרישע איינדרוקן און אויפמונטערן זיי צו קאָ-לעקטיווער אַרבעט.

איבער די ערשטע צייט האָט די אַרבעט און די שטימונג געליטן טיילווייז צוליב דער קליינער צאָל קינדער אין דער שול, זיינען אָבער שפּעטער, אינמיטן פונם ערשטן יאָר און באַזונדערס אויפן אַנדערן יאָר (1929—30), אויסגעוואַקסן פיל שוועריקייטן דווקא צוליב דעם צו האַסטיקן צופלוס פון נייע שטראָמען קינדער אין דער שול. די קינדער זיינען געקומען צו אונז פון אַלע מינים שולן, וואָס עקסיסטירן אין ווילנע: פון די רעליגיעזע, העברעישע, פון דער „שול-קולט" אאַ. זייער פאַרשיידענער עלטער, פאַרשיידענע צוגרייטונג, געוווינהייטן אד"ג איז געוואָרן אַ גרויסער שטער פאַר

דער נאָרמאַלער אַרבעט אויף אַ געוויסער צייט. עס האָבן זיך געפּאָדערט עקסטרע מיטלען צו פֿאַראייגהייטלעכן קודם־כּל די ידיעות פֿון די תּלמידים; מיר האָבן געבילדעט גרופּן פֿון די אָפּגעשטאַנענע תּלמידים, באַזונדערס פֿאַר די מיטעלע קלאַסן (III, IV, V), וואו די צאָל נייע קינדער איז געווען אַ גרעסערע, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון די קלאַסנלערער בײַ דער מיטאַרבעט פֿון די עלטערע תּלמידים. דאָס האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן.

אין פּרט פֿון פֿאַראייגהייטלעכן די ידיעות פֿון די קינדער און בכלל אין דער גאַנצער דערציִערישער אַרבעט אונזערער האָט אונז אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפֿן דער קאָנצענטראַציע־מעטאָדע, וועלכן עס האָט זיך אײַנגעגעבן דורכצופֿירן דאַן אין שול, באַזונדערס אין די ייִנגערע און מיטעלע קלאַסן.

טראָץ געוויסע חסרונות, וואָס דער דאָזיקער פּרינציפּ פֿאַרמאָגט, האָט ער אָבער אין זיך נאָך מערער מעלות, און בײַ אונזערע באַדינגונגען איז דאָס געווען ממש אַ נויטווענדיקייט. דער לערער, וואָס האָט אַלע לימודים אָדער לפּחות דאָס רוב פֿון די לימודים אין דעם געגעבענעם קלאַס, האָט בעסערע מעגלעכקייטן גענויער און גרינדלעכער צו קענען יעדעס קינד באַזונדער און זיך צוצופּאַסן אינדיווידועל צו יעדן פֿון זיי; ער קען בעסער דעם קלאַס אַלס אַ גאַנצן, זיינע ידיעות און אַנטוויקלונג, זיינע שוואַכע זייטן און קען זיך דעריבער תּמיד לייכטער אָריענטירן אויף וואָס מ׳דאַרף אין דעם פֿאַל לייגן מערער אַכט און וואָג. גלייכצייטיק גיט עס אים אַ מעגלעכקייט אָרגאַניש צו פֿאַרבינדן צווישן זיך אַלע לימודים אָדער די באַזונדערע ציקלען, וואָס איז פֿון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט וויכטיק. די רעזולטאַטן פֿון דער דערפֿאַרונג האָבן זיך באַלד געלאָזט שפּירן הן אין די פּעולות אויף די לימודים, הן אין דער דערציִערישער אַרבעט. דער „קלאַסן־לערער“ האָט געהאַט אַ כּסדרדיקע דירעקטע השגחה איבער זיין קלאַס, אונטערגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די עלטערן, און אין אַ סך פֿאַלן, ווען דאָס איז געווען נייטיק, דורכגעפֿירט היי־זבאַזוכן בײַ די תּלמידים.

די ערשטע 2 קלאַסן האָבן מיר אינגאַנצן אָפּגעטיילט, כּדי צו שאַפֿן פֿאַר זיי אַ צוזאַמענלעבן, אָפּגעזונדערט פֿון די איבעריקע עלטערע קלאַסן מיט זייער האַרמידער און טומל אויף די הפסקות (מיר האָבן פֿאַר זיי אַפֿילו אײַנגעשטעלט די הפסקות און אַנדערע טערמינען). ליידער, ניט צוליב אונזער שולד, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן דאָס זעלבע דורכצופֿירן אין דער פֿולער מאָס אויך אין די עלטערע קלאַסן: דאָ זיינען די לערער־כּוחות געווען צעבראָקלט.

אין פּרט פֿון פֿאַראייגהייטלעכן די דיפֿערענצן אין די ידיעות און אין דער אַנטוויקלונג בײַ די קינדער האָבן אונז אין אַ געוויסער מאָס געהאָלפֿן די גרופּעס, וואָס מיר האָבן אײַנגעאָרדנט זומער־צייט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון סעמינאַריסטן, אַביטוריענטן פֿון אונזער

שול און עלטערע תּלמידים.

אויף געווּיסע לימודים (נאַטור, חשבון, געשיכטע) האָבן מיר אין אייניקע קלאַסן פּאַראַלעלעסערט די צאָל שעהן; שפּעטער האָבן מיר אויך פּאַראַלעלעסערט די צאָל שעהן אויף פּויליש און אַרבעט. אַרבעט אַלס לימוד האָבן מיר אײַנגעפירט אין אַלע קלאַסן (קאַרטאָנאַזש, אײַנבינדערײַ, סטאָלערײַ אאַ"וו). אונזער שול שטרעבט דורכצופירן דעם אַרבעטס־מעטאָד אין אַלע לימודים; אָבער ז' ניט אָפּ גלייכצייטיק אַן אָנגעזעענעם אָרט אויך דער אַרבעט אַלס לימוד.

פאַר די לעצטע 2 יאָר האָט אונזער שול גענומען אַן אָנגעזעענעם אָנטייל אין 2 שול־אויסשטעלונגען — אין וואַרשע און אין ווילנע.

אויף דער לעצטער אַלפּוילישער אויסשטעלונג פון די יידיש־וועלטלעכע שולן האָט זיך אונזער שול אויסגעצייכנט אגב מיט אירע עקספּאָנאַטן פון דער סטאָלערײַ אַרבעט. ליידער האָבן מיר די לעצטע צייט צוליב פינאַנציעלע טעמים געמוזט גראָד דעם דאָזיקן וויכטיקן צווייג פון האַנטאַרבעט (סטאָלערײַ) אין דער שול „מפיצי השכלה" צייטווייליק אָפּשאַפן. מיר האָפן אָבער אים אָנגיבן ווידער אַוועקשטעלן אויף דער נייטיקער הייך.

אַ באַזונדערן און גאַנץ בכבודיקן אָרט אין אונזער אַרבעט האָט פאַרנומען דער שול־גאָרטן (פאַרלייגט אויפן פּלאַץ פון דער שול אין יאָר 1925 דורך אַ. בולקין, נאַטורלערער פון דער שול). ס'איז ניט דאָ דאָס אָרט ברייט צו באַהאַנדלען די גרויסע פּעדאַגאָגישע וויכטיקייטן פון שול־גאָרטן הן אַלס זעלבשטענדיקן צווייג פון אַרבעט, הן אויך אַלס הילפסמיטל און אפשר צענטער פון דעם נאַטור־לימוד אין שול. (טיילווייז אויך פאַר אַנדערע לימודים). ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט זיך אָפּצושטעלן אויך אויף דער וויכטיקייט פונם שול־גאָרטן ספּעציעל פאַר אונזערע יידישע קינדער. אָבער דאָס זיינען אַלץ טעמעס פאַר זיך, וואָס אַ בצמצומדיקער באַריכט קען אין זיך ניט אַריינעמען. בכל אופן דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די מוסטערהאַפטע אַרבעט אין שול־גאָרטן, וואָס איז געפירט געוואָרן די לעצטע צוויי יאָר אין „מפיצי השכלה", האָט די תּלמידים געבראַכט גרויסע נוצן, געווירקט גוט אויף זייערע ידיעות און געהאַט אַהוץ דעם אַ וויכטיקע דערציערישע באַדייטונג. די קינדער האָבן זיך צוגעבונדן צו דער אַרבעט (און זי ליב געקראָגן); זיי פלעגן אָפט קומען אַהין באַגינען, אַרבעטן אויך זומער אין קאַניקול־צייט. צום סוף לערניאָר, נאָך אַן עלטערן־פאַראַזאַמלונג, האָבן אַלע אָנוועזנדיקע געמאַכט „אַן אויספלוג" אויפן גאָרטן, וואו די לערער האָבן זיי געגעבן די נייטיקע דערקלערונגען וועגן די גאָרטן־אַרבעטן און זייער באַדייטונג.

דער גאָרטן איז פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות; ניט געקוקט אויף אונזער שווערער פינאַנציעלער לאַגע, האָבן מיר זיך ניט אָפּ

געשטעלט פֿאַר די נייטיקע הוצאות און האָבן אויך אויף להבֿא די אַרבעט פֿאַרצוועצן.

אויבן איז שוין געווען בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט דערמאָנט וועגן דער ערשטער קלוב-אַרבעט, וואָס איז אויסגעוואַקסן כּמעט פֿון זיך אַליין אין פּראָצעס פֿון דער קאָלעקטיווער שול-אַרבעט בכלל. שפּעטער האָט דער קלוב אָנגענומען קלערערע פֿאָרמען. אין אַ רײ זיצונגען פֿון דער קלוב-קאָמיסיע, פֿון ראַט און תּלמידים האָט מען פֿאָרמולירט די צילן און כאַראַקטער פֿון קלוב, אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פֿון ווייטערדיקער סיסטעמאַטישער אַרבעט, באַשלאָסן זיך צו פֿאַראייניקן מיט די עלטערע קלאַסן פֿון דער קופּערשטיין-שול, כּדי צו פֿירן די אַרבעט געמיינזאַם. די פֿייערלעכע דערעפֿענונג פֿון קלוב מיטן אָנטייל פֿון ז. רייזען, א. גאָלדשמידט און ב. לובאָצקי, איז געווען געווידמעט דעם 20-יאָריקן יובֿל פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ. אָבער דאַן איז שוין פּאַקטיש די קלוב-אַרבעט געווען אין פֿולן בֿרען. בײַם קלוב זיינען געווען טעטיק פֿאַרשיידענע אַרבעטס-סעקציעס (אײַנבינדערײַ, קונסט, „הילף די יינגערע), פֿאַרשיידענע קרייזן (דראַמאַטישער — אונטער דער לייטונג פֿון מ. פֿאַפּירן, מיטגל. פֿון ע״ק; עקסקורסיע-קרייזן, נאַטור-קרייז אונטער דער לייטונג פֿון לערער), אָרקעסטער, כאָר, אונטער דער לייטונג פֿון אַביטוריענט ב. זשיסלין, ביבליאָטעק, לייען-זאַל, שפּיל-צימער אאַז״וו.

דער קלוב האָט געשאַפֿן אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן דאָס צוזאַמענלעבן פֿון שילער-קאָלעקטיוו; די אַרבעט איז געגאַנגען אינטענסיוו אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער אַליינפֿאַרוואַלטונג. דער קלוב איז געוואָרן פֿאַר די קינדער אַ היים, וואו זיי פֿלעגן אַרבעטן, לערנען זיך, אַנטוויקלען זיך, פֿאַרברענגען, צוגעוויינען זיך צו קאָלעקטיווער און זעלבשטענדיקער אַרבעט. די לערער און תּלמידים, וואָס האָבן געאַרבעט אין קלוב, וועלן תּמיד מיט פֿאַרגעניגן דערמאָנען דאָס אינטימע צוזאַמענלעבן און די געמיינזאַמע אַרבעט.

אויפֿן צווייטן יאָר איז דער קלוב ווידער געבליבן אַ פֿאַראייניקטער מיט דער קופּערשטיין-שול. די לעצטע צייט האָט אָבער דער מאַגיסטראַט בײַ אונז אָפּגענומען די קליינע סובסידיע, וואָס איז געווען פֿאַראַיאָרן אַסיגנירט אויף קלוב-אַרבעט (אַנדערע שולן באַקומען יאָ די סובסידיע). דאָס האָט אָפּגענומען בײַ אונז די מעגלעכקייט צו פֿירן דעם קלוב ווי אין די פֿאָריקע יאָרן.

דער קלוב איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיט דער שול און האָט געווירקט דערציעריש אויף אַלע תּלמידים. דער קלוב האָט אײַנגעאָרדנט אַ רײ פֿאַרווײלונגען און שול-יום-טובֿים פֿאַר דער גאַנצער שול, פֿאַר אַלע תּלמידים, עלטערן און פֿריינד. מיט דער הילף פֿון קלוב זיינען אײַנגעאָרדנט געוואָרן איניקע שול-אַקאַדעמיעס (פּרץ, רייזין, מיכאַלעוויטש). איניקע צווייגן פֿון קלוב זיינען זיך שפּעטער פֿונאַנדערגעוואַקסן, ווי, למשל, דער דראַמאַטישער קרייז (זע באַריכט).

אין דער זעלבער צייט רוקט אַרויס דער עלטערן-קאָמיטעט אַ פּראָיעקט איינצואָרדענען שבתדיקע פאַרווייַלונגען פאַר אַלע קינ-דער. פון די שמועסן מיט די עלטערן און קינדער איז אונז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס רוב קינדער האָבן ניט וואו זיך אַהינצוטאָן, אין די שבתדיקע טעג, בפרט ווינטער; אַ טייל באַזוכט די קינאָ-פאָרשטע-לונגען, וואו זיי זעען זיך אָן בילדער, וואָס זיינען ניט צוגעפּאַסט פאַר זייער עלטער און אַנטוויקלונג, אָפט שעדלעכע און דעמאָראַליזיר-דיקע. דער ראַט צוזאַמען מיטן עלטערן-קאָמיטעט זיינען דעריבער צוגעטראָטן איינצואָרדענען די אַזויגערופענע „שבתדיקע קינדער-אוי-דיטאָריעס". אין דער אַרבעט האָט זיך אַריינגעצויגן אויך דער קלוב, באַזונדערס דער דראַמ. קרייז. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן זייער פיל אַזוינע שבתדיקע אוידיטאָריעס, וואָס פלעגן אָפט באַזוכט ווערן ניט נאָר פון אונזערע תלמידים, נאָר אויך פון אַנדערע שולן און אַפילו פון דערוואַקסענע. אין פּראָגראַם פלעגן אַריין נומערן פון מוזיק, געזאַנג, דעקלאַמאַציע, אינסצענירונגען פון מעשהלעך (פאַר די יינגערע), פון פאָלקס-לידער, רעווי-נומערן, פאָרלעזונגען מיט צויבער-בילדער אין גלאָבאָסקאָפּ אד"ג.

די אָרגאַניזאַציע פון די אוידיטאָריעס איז פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן און אָנשטרענגונגען: מען מוז אָבער זאָגן, אַז די קינדער-אוידיטאָריעס מיט אַ צוגעפּאַסט פּראָגראַם ביי דער געהעי-ריקער אָרגאַניזאַציע זיינען אַ וויכטיקער ענין אין פרט פון דערציִונג פאַר אונזערע קינדער און גלייכצייטיק אַ נויטווענדיקייט, באַזונדערס, ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז אין שטאָט איז כמעט ניטאָ קיין ספּע-ציעלער קינדער-טעאַטער, קיין צוגעפּאַסטע קינעמאַטאָגראַפן, און זעלטן קומען פאָר פאָרלעזונגען פאַר קינדער.

אין משך פון די פאַרגאַנגענע צוויי יאָר זיינען פאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי עלטערן-פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען געווען געוויד-מעט פראַגן פון דערציִונג בכלל. די דערציִונגס-אַרבעט קען זיך ניט שטיצן בלויז אויף דער אוממיטלבאַרער און דירעקטער השפעה פון דער לערערשאַפט אויף די קינדער, נייערט אויך אויף דער וויר-קונג, וואָס מיר זיינען בכוח אויסצואיבן אויף זייערע עלטערן און בכלל אויף זייער סביבה. די סביבה בכלל, אין ספּעציעל די היים, וואו דאָס קינד פאַרברענגט דעם גרעסערן טייל פון מעת-לעת אין זיין גאַנצן פאַרשול-לעבן, האָבן ניט קיין קלענערע, אפשר נאָך אַ גרעסערע ווירקונג אויף זיין כאַראַקטער ווי די שול גופא. די פאַרבינדונג פון דער שול מיט דער היים פון די קינדער איז דעריבער געווען אַ גרונד-פּראָבלעם אין אונזער אַרבעט; אירע רע-זולטאַטן זיינען בולט און וויכטיק.

מיר האָבן אין שול דורכגעפירט סיסטעמאַטיש אַ ריי אַק-ציעס, אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, קלאַסן-און-אינדיווידועלע שמועסן מיט די קינדער וועגן דער ריינקייט, פּינקטלעכקייט אד"ג. די גאַנצע

אַרבעט אונזערע איז דורכגעדרונגען מיט דעם ציל צוצוגעוויינען די קינדער צו געווינסהאַפּטיקייט, אויסדויער, פּינקטלעכקייט, זויבערקייט א. אַ. וו. אָבער דאָס אַלץ וואָלט נאָך ניט גענוג געווען, ווען מיר וואָלטן אין דער זעלבער צייט ניט אויפגעקלערט די עלטערן אין שמועסן, אין לעקציעס בעת די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען וועגן די צילן און די מעטאָדן פון אונזערע דערציערישע אַקציעס אין אונזער גאַנצער שול=סיסטעם. אַזוינע פראַגן, למשל, ווי אויסבילדונג פון כאַראַקטער ביים מענטשן, אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן ווילן אאַ"וו, האָבן זיכער געבראַכט נוצן ניט נאָר דער עלטערנשאַפט, נייערט אויך אומדירעקט זייערע קינדער — אונזערע תלמידים. אַ גאַנצע ריי פראַגן פון ספּאָרט און היגיענע, וואָס זיינען באַרירט געוועז אויף די פאַרזאַמלונגען, האָבן בלי=ספק געהאַט אַ השפּעה אויף דער פיזישער דערציונג פון אונזערע קינדער. אויב מיר זיינען ניט בכוח ממשותדיק צו ענדערן די שווערע לעבנס=באַדינגונגען פון אונזערע תלמידים, האָבן מיר אָבער לפּחות געמוזט טאָן אַלץ, כדי צו פאַרקלענערן דעם שאָדן פון די דאָזיקע באַדינגונגען.

דער עלטערן=קאָמיטעט האָט זיך געווענדעט צום ראַט מיט דער בקשה איינצואָרדענען ביי דער שול אַ עלטערן=קלוב און אַ שטענדיקע עלטערן=אוידיטאָריע. דער ראַט באַציט זיך צו דעם פּראָיעקט מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע, פאַרטיילט צווישן די לערער פון שול פאַרשיידענע טעמעס. ליידער אָבער האָט דער דאָזיקער סימפּאַטישער פּראָיעקט לעת=עתה ניט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן אין דער פולער מאָס צוליב אומאָפּהענגיקע פון אונז סיבות. אָבער דער לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט די עלטערן, די פאַרזאַמלונגען, געמיינזאַמע שול=יום=טובים און פאַרוויילונגען, וואו עס באַגעגענען זיך צוזאַמען מיט זיי קינדער, עלטערן און לערער, האָבן זייער אַ גרויסן חלק אין דעם אויפבוי פון אונזער שול. באַזונדערס וויכטיק איז געווען די צוזאַמענאַרבעט פונם ראַט מיט די עלטערן (און די תלמידים גופא) פון די אַרויסלאָז=קלאַסן. זייער פיל אויפמערקזאַמקייט איז געווידמעט געוואָרן זייער ווייטערדיקער איינאָרדענונג נאָכן פאַרענדיקן די שול. (זע פּרטים אין דער ביילאַגע). אַגב דאַרף דאָ מיט דאַנק דערמאָנט ווערן די ראָלע פון שול=קאָמיטעט, וועלכער האָט אין אַ געוויסער מאָס מיטגעהאָלפן איניקע אונזערע אַביטוריענטן ביים איינאָרדענען זיך אין לעבן ביים פאַרלאָזן די שול.

די שול האַלט אונטער אויך אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די אַביטוריענטן. ליידער, איז די פאַרבינדונג אַ גאָר=ענגע, אַ לעבעדיקע בלויז מיט די אַביטוריענטן פון די לעצטע צוויי אַרויסלאָזן. דער קאָנטאַקט מיט די עלטערע אַביטוריענטן פון די פריערדיקע יאָרן האָט זיך נאָך אין דער פולער מאָס ניט איינגעשטעלט. אָבער עס זיינען שוין געמאַכט געוואָרן ערנסטע טריט אין דער ריכטונג, און ס'איז צו האָפן, אַז די געוואונטשענע לעבעדיקע פאַרבינדונג

מיט זיי וועט זיך איינגעבן אין דער פולער מאָס אויפן באָרן פון פריינדלעכער און געמיינזאַמער אַרבעט פאַר אונזער שול און בכלל פאַר דער יידישער קולטור. וואָס איז שייך די אַביטוריענטן פון די לעצטע צוויי אַרויסלאָזן, זיינען זיי ביי אונז אין שול ניט נאָר אָפטע געסט, נאָר שטענדיקע מיטאַרבעטער און פאַרשיידענע געביטן פון אונזער שול-לעבן; זיי זיינען אַקטיוו פאַרטראָטן אין אונזער אָרקעסטער, דראַמאַטישן קרייז אד"ג. זיי זיינען אויך אונזערע מיטהעלפער אין אַלע שול-אַקציעס (זאַמלונגען, שול-יום-טובים) און קומען אַריין אין שול, ווען נאָר זיי האָבן פרייע צייט, אַפילו אינדערוואָכן. דאָס איז פאַר אונז אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג.

צום סוף מוזן מיר זאָגן, אַז דער זין פון דער יידיש-וועלטלעכער שול ליגט ניט בלויז אין איר פּעדאַגאָגישן מהות, נייערט אויך אין דעם נאַציאָנאַלן ווערט, וואָס זי האָט פאַר אונזער רענע-סאַנס הן אַלס קולטור-דערגרייכונג, הן אַלס פּאָליטישער און סאָציאַ-לער פאַקטאָר: אָן איר איז שווער זיך פאָרצושטעלן די פּראָדוקטי-ווזירונג און כאָציאַלע איבערשיכטונג פון אונזער פאָלק. דעריבער דאַרף דער ווידעראויפבוי פון דער שול „מפיצי השכלה" זיין אַ יום-טוב פאַר די אַלע, וואָס זיי איז טייער און נאָענט די פּראָבלעם פון אונזער מאָדערנעם רענעסאַנס אויף אַלע געביטן פון אונזער לעבן. דעריבער איז דער 15-יאָריקער יובל פון אונזער שול ניט נאָר אַ קולטור-יום-טוב, נאָר אויך אַ וויכטיקע דאַטע אין אונזער לעבן.

דער פּעדאַגאָגישער ראַט פון אונזער שול גיט היינט אָפּ פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט אַ דין-וחשבון, ווי אַזוי ער האָט זיין חוב דערפילט לגבי דער געזעלשאַפט. זאָל היינט די ברייטע יידישע געזעל-שאַפט זיך צונויפזאַמלען אונטער אונזער שול-פאָן פאַר געמיינזאַמער אַרבעט צוליב אונזערע געמיינזאַמע אידעאַלן און ברייטע אויפגאַבן. זאָל די געזעלשאַפט אין ממשותדיקע מעשים אויסדריקן איר פאַר-שטענדעניש פאַרן טיפן זין פון אונזער שול-באַוועגונג. און מיר, לערער און שול-טוער, וועלן ווייטער פירן אונזער אחריותפולע אַר-בעט פעסטע, מונטערע און זיכערע אין אונזער ענטגילטיקן ניצחון.



א. בולקין.

# עלטערן־קאָמיטעט פון דער יינגלשול „מפיצי השכלה“.

(נאָטיצן).

עלטערן, לערער און תּלמידים—דאָס איז דער דריילינג, וואָס האָט געטראָגן ציגל צום בנין פון „מפיצי־השכלה“, דאָס איז דער חוט המשולש, וואָס האָט דורכגעשלעפּט די שול דורך אַלע סכּנות, וועלכע האָבן געלויערט אויף איר, דורך אַלע שטורעמס. וועגן דער ראָלע פון די לערער און תּלמידים ווערט גערעדט אויף אַן אַנדער אָרט.

דאָ וויל איך אָנוואַרפן עטלעכע קורצע נאָטיצן וועגן דער ראָלע פון עלטערן־קאָמיטעט—דער רעפּרעזענטאַנץ וואָס די גרויע מאַסע עלטערן האָט פון זיך אויסגעוויילט.

ס'איז אינטערעסאַנט שוין דערפאַר אַליין, וואָס דער עלטערן־קאָמיטעט ביי דער יינגלשול איז געווען, קען מען זאָגן, אַ מורה־דרך פאַר די עלטערן־קאָמיטעטן פון אַלע איבעריקע יידישע שולן.

ס'וואָלט געווען זייער און זייער אינטערעסאַנט דורכצובלעטערן די הונדערטער און הונדערטער זייטן פון די פּראָטאָקאָל־ביכער, אין וועלכע ס'האָט זיך גענוי אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן און די אויפטועו פון עלט. קאָמ. מיר פאַרמאָגן אָבער, ליידער, נאָר געציילטע עטלעכע פּראָטאָקאָלן פון ערשטן עלטערן־קאָמיטעט פון יאָר 1916*).

פאַרן פעד. ראַט איז קלאָר געווען פון ערשטן טאָג אָן אַז די יידישע שול, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן פון די מאַסן פאַר די מאַסן, מוז אונטערהאַלטן אַ כסדרדיקן לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די עלטערן אין דער פאָרם פון עלטערן־פאַרזאַמלונגען און אַן עלטערן־קאָמיטעט. ווי נאָר דער פעד. ראַט איז ביי־געקומען די ערשטע שוועריקייטן, וואָס ער האָט באַגעגנט ביים אָרגאַניזירן די שול, איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ צייט־ווייליקער עלט. קאָמ.

ווי ס'איז צו זען פונם פּראָטאָקאָל נומ' 2 פון 2־טן מאַי 1916 האָט זיך דער צייטווייליקער עלטערן־קאָמיטעט קאָנסטרואירט אויפן פאָלגנדיקן אופן: פאָרזיצער — יוסף ציפּקין, סעקרעטאַר אַברהם קריניצאַ. אין קאָמיטעט זיינען אַריין: וואַסילעוויטש אַברהם, קאַמע־נעצקי אַברהם, רייכעל דוד, שאַפּיראָ אָשר און שחט משה.

*) די פּראָטאָקאָל־ביכער פון עלט. קאָמ. פאַר די ערשטע 12 יאָר עקסיסטענץ פון דער יינגל־שול זיינען אין מאַי 1928 פאַרפאַלן געוואָרן פון דער קאַנצעלאַריע פון שול. ס'איז אוממעגלעך דעריבער צו געבן אַ גענוי בילד וועגן דעם אַלעם, וואָס דער עלטערן־קאָמיטעט האָט אונטערגענומען פאַר דער שול ווי אויך וועגן די אַלע אַקציעס, אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט.

שוין דעם 27-טן מאַי קומט פאַר די ערשטע עלטערן-פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס'ווערט אויסגעקליבן אַ שטענדיקער עלטערן-קאָמיטעט. צו די פריערדערמאַנטע קומען צו אַלס מיטגלידער פון עלט. קאָמיטעט: בעהאַק מאיר (אַלס געהילפס-פאַרזיצער), גאַרדאַן אליהו, פרוי טאַטאַרסקי און פרוי ז. פלודערמאַכער. אַלס קאַנדידאַטן אין עלט. קאָמ. ווערן געוויילט פרוי אַס, דובינסקי הירש, מאַרגאָלין פייוועל, שיפרין אליהו און שניידער חיים. די פּראָטאָקאָלן פון די ערשטע זיצונגען פון עלט. קאָמ. נעמען אַרום דעם פאָלגנדיקן סדר-היום: 1) וואַלן פון אַ פּרעזידיום, 2) קיך, 3) קיך-קאָמיסיע, 4) פאַרשטייער אין פּעדאַגאָגישן ראַט. (באַשלוס: אין אַ צאָל ניט ווייניקער פון צוויי מיט שטים-רעכט), 5) פאַרשטייער פון פּעד. ראַט אין קאָמ. (באַשלוס: דער פאַרוואַלטער—מיט באַראַטונגס-רעכט*), 6) רעגולאַציע פון שכר-לימוד-צאָלן, 7) זוכן געלט-מיטלען (באַשלאָסן: מאַכן אַ שפּאַציר-פאַרוויילונג אין איינעם פון די שטאָטישע גערטנער), 8) השגחות פון מיט-גלידער פון עלט. קאָמ. אין דער שול (באַשלוס: 3 טעג אין וואָך געפינען זיך די עלטערן פון ע"ק אין שול פון 11 ביז 1, כדי צוצוקוקן זיך צו דער אינערלעכער אָרדענונג אין שול בעת די הפסקות און כדי אָנצונעמען בקשות פון די עלטערן), 9) וועגן עסן אין קיך (באַשלוס: בשום אופן ניט פירן די קינדער אין אַן אַנדער בנין עסן. ס'מוז געבראַכט ווערן אין שול).

דער דאָזיקער סדר-היום פון די ערשטע זיצונגען פון עלט. קאָמ. נעמט אַרום אין מיניאַטור די אַלע צווייגן פון שול-לעבן, מיט וועלכע דער עלט. קאָמ. האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָפּגעגעבן נאָר אין נאָך אַ גרע-סערער מאָס און ברייטערן פאַרנעם.

יעדן יאָר פלעגט דער עלט. קאָמ. געקליבן ווערן פונסניי. אַ דריטל עלטערן פלעגט אַרויסגיין און אויף זייער אָרט פלעגן אויסגעקליבן ווערן נייע (ציל: אַקטיוויזירן די עלטערן-מאַסע). די עלטערן-קאָמיטעטן זיינען ניט געווען קיין דעקאָראַציע, ווי אין דער אַלטער שול, נאָר אַן אינטעגראַלער טייל איהרער. זיין אַ מיטגליד פון עלט. קאָמ. ביי דער יינגל-שול איז געווען ניט נאָר אַ כבוד נאָר אויך אַ שווערע פליכט: יעדע וואָך אַ רעגולערע זיצונג (אָמאָל נאָך אָפטער), וואָס פלעגט געדויערן גאַנץ היפש; מ'מוז ווייזן אַ ביישפּיל די איבעריקע עלטערן און ס'פאַלן דערייבער גרעסערע לאַסטן. מחמת די עלטערן זיינען ס'רוב מענטשן אומפאַרמעגלעכע, פון די האָרעפאַשנע שיכטן, דערפילט מען פליכטן אין נאַטור: מיט פּערזענלעכער אַרבעט (יעדערער לויט זיין פאַך און מעגלעכקייטן).

כ'וויל דאָ ברענגען עטלעכע שטימען פון טאַטעס, וואָס האָבן אין משך פון יאָרן געשלעפּט דעם שווערן עול, וואָס הייסט: מיטגליד פון עלט. קאָמ. ביי דער יינגל-שול „מפיצי-השכלה". אליהו שיפרין, וואָס האָט דורכגעפירט 3 זין דורך דער שול און האָט געאַרבעט אין ע"ק ביי אַ צענדליק יאָר, דערציילט: „שווערע צייטן געווען, ביטערע יאָרן געווען... אַ סך אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דער אַרבעט פון די עלטערן-קאָמיטעטן זיינען שוין פון זכרון פאַרשוואונדן, אָבער איינס וועל איך ניט פאַרגעסן, קיינמאָל ניט פאַרגעסן—דאָס איז דאָס שלעפּן עסן פאַר אונדזערע קינדער פון דער שול. אַ באַשלוס איז געפאַלן פון עלט. קאָמ. ניט צו פירן

*) אין דער ווייטערדיקער פּראַקטיק פון עלט.-קאָמ. האָט זיך איינגעשטעלט, אַז פון פּעד. ראַט פלעגן זיין צוויי פאָרשטייער—דער פאַרוואַלטער מיט אַ לערער מיט שטים-רעכט.

די קינדער אין אַ צווייטן בנין אויף אַ צווייטער גאַס. די קינדער זיינען שלעכט אָנגעטאָן, ס׳איז ווינטער, קאַלט... ס׳גייט צופיל צייט פאַרלאָרן. „בשום אופן ניט פירן די קינדער אין קיך אַריין!“ ווערט איינשטימיק אָנגענומען. וואָס זשע פאַר אַן עצה? וואו נעמט מען געלט אויף צום ברענגען דאָס עסן אין שול אַריין, אַז ס׳ווילדעוועט די מלחמה, קיין אַרבעט איז ניטאָ און געלט אַוודאי ניט? „און וואו זיינען מיר?“—הערט זיך אַ פראַגע. און מיר זיינען געווען אויף אַן אָרט און האָבן אונדזער פליכט דערפילט: אין משך פון וואָכן און חדשים געשלעפּט אויפן אייגענעם קאַרק די קעסלען מיטן עסן ביז ס׳איז אוממעגלעך געוואָרן“... שפּעטער, ווען די אומשטענדן האָבן זיך געענדערט, האָט מען געגרינדעט אַן אייגענע קיך.

ה׳ אשר שאַפּיראָ, איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון עלט. קאָמ., ענטפערט אויף מיין פראַגע וועגן אינטערעסאַנטע מאָמענטן פון דער אַרבעט אין די ערשטע יאָרן: „אַ סך אינטערעסאַנטע פּרטים פון יענער גרויזאַמער צייט זיינען אויסגעוועבט געוואָרן פון זכּרון, נאָר איין זאַך געדענק איך ווי היינט: די געהיימע שול ביי מיר אין שטוב. איר זעט, ליבער פריינט, מיין דירהלע? —

2 צימערלעך, ד׳ אמות אויף ד׳ אמות. אָטאָ דאָ, אין דעם צימערל, וואו מיר ריידן איצט וועגן אַמאָליקן עלטערן־קאָמיטעט און פּרואוון אויפוועקן אין זכּרון פאַרגעסענע ליידן און פריידן, האָט אַ היפּשער קלאַס געלערנט. איר פרעגט: וויאַזוי איז צו דעם געקומען? גאַנץ פּשוט: די דייטשן האָט אונדזער שול ניט געשמעקט. זיי האָבן זייער אייגענע פּאָליטיק געהאַט און געוואָלט אונדזערע קינדער פאַר דייטשן פון משה׳ס גלויבן מאַכן. האָבן זיי געפונען דעם געהעריקן אויסרייד און די שול געשלאָסן. דעמזעלבן טאָג, אינאָוונט, קומט פאָר אַ זיצונג פון עלטערן־קאָמ. און ס׳שטייט די פראַגע: „וואָס טוט מען?“ „סטייטש, זאָג איך, ביטול תּורה... די קינדער וועלן ליידיק גיין... וואָס וועט פון זיי ווערן?“—„וואָס זשע לייגט איר פאָר?“ — „געהיים לערנען!“ — „ווי אַזוי? פרעגט דער פאָרשטייער פון פּעד. ראַט: שול־מאַכט... דייטשן... שטראָף...“ „און וואו?“ פרעגט אַ טאַטע: „ביי וועמען? איר גיט אייער דירה?“ — „וואָס הייסט? אַוודאי גיב איך!“ אויף מאָרגן איז שוין ביי מיר אין שטוב*) אַ געהיימע שול געווען און מען האָט געלערנט, געשמאַק געלערנט. ס׳איז אַפילו ענג, ניטאָ וואו אַ קער צו טאָן זיך, אָבער וואָס טוט מען ניט פאַר קינדער? די שכנישע פעלקער שטאָלצירן מיט דעם, וואָס זיי האָבן אַ געהיימע שול געהאַט—גיט צו איינער פון די בייזיצנדיקע: „זייערע שריפטשטעלער האָבן זי באַשריבן און באַזונגען, אויך מיר האָבן אַזאַ שול געהאַט“:..

„און געלערנט האָט מען אויף אַזאַ אופן אַ וואָכן צוויי־דריי“ — דערציילט ווייטער דער טאַטע—און מיטאַמאָל אַן אומגליק! אין איין שיינעם פרימאָרגן, ס׳איז דעמאָלט, ווי היינט געדענק איך פאָרגעקומען אַ לעקציע פון חשבון, פאַלט אַריין אַ פאָרשטייער פון דייטשישן שול־ראַט, אַ זעלנער, מיט אַ ליאַרעם און געפילדער: „סטייטש, שרייט ער, געהיים לערנען?!“ די קינדער צעלויפן זיך... דער לערער קוידאַנאָווסקי כאַפּט גוט אויסגעשייגעצט און אַפילו אַ צוזאָג אויף קלעפּ אויך. ווי איר זעט, שווערע

*) די דירה געפינט זיך אויף זאַוואַלנע גאַס נומ׳ 31, טיף אין הויף, אויפן צווייטן גאָרן.

ציטן געווען אין דער אַרבעט פון ע"ק, אָבער אויך זייער אינטערעסאַנטע!".

אין אַ בריוועלע צום מחבר פון די שורות שרייבט דער טאַטע ב. ברעסטאָ־וויצקי בזה הלשון:

„ס'איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף אייניקע מאָמענטן פון דער אַרבעט פון עלט. קאָמ. ביי דער שול „מ"ה", וועל־כע וועלן אַמבּולטסטן אילוסטרירן דעם כאַראַקטער פון זיין טעטיקייט.

„כ'דערינער מיך: אַ ווינטער־אָוונט, אין דרויסן איז אַ געפּערלעכער שניי־וויכער, סכּנות־נפשות, דער פראָסט ברענט, ממש אַ הונט אויף דער גאַס ניט אַרויסצויאָגן...—דאָך קלייבן זיך צו־נויף אין די ווענט פון דער שול אַ פּאָר מנינים — עלטערן אויף אַ זיצונג... אַ סך פון זיי האָבן נאָר וואָס פאַרלאָזן זייערע וואַרשטאַטן אָדער געשעפטן: מען איז געקומען דערפילן דעם חוב פאַר דער שול און פאַר די ליבהאַר־ציקע קינדערלעך...

און אָט זיצן דאָ די מענטשן פון אַרבעט און זאָרג, פון אַרבעט ביי זיי־ערע וואַרשטאַטן, פון זאָרג וועגן אַ ביסן ברויט — זיצן און טראַכטן וועגן די נויטן פון דער שול, פאַרגעסנדיק לגמרי וועגן זייערע אייגענע דאגות און צרות, אָפּגעבנדיק זיך אינגאַנצן דעם איינציקן געמיינזאַמען געדאַנק — דער זאָרג פאַר די נויטן פון שול, וועלכע איז געוואָרן פלייש פון זייער פלייש, בלוט פון זייער אייגען בלוט...

זיצן די דאָזיקע מענטשן אין די דאַלעד־אַמות פון זייער אייגענער מאָ־דערנער וועלטלעכער שול און טראַכטן... וועגן וואָס צו טראַכטן איז דאָ איבער־גענוג: די שול נויטיקט זיך אין אַ גרע־סערן סאַמאָוואַר אויף צוצוגרייטן טיי פאַר די צאן־קדשים... נויטיק, ווי דאָס לעבן, איז אַ האַנטפאַס — די קינדער זאָלן האָבן, ווו די הענטלעך צו וואַשן...

ס'פעלן האַנטעכער... אין דער ביב־ליאָטעק שפּירט זיך אַ מאַנגל אין בי־כער, מען דאַרף פאַרגרעסערן די באַ־שפּייזונג פאַר די הונגעריקע, ווייניק פאַרמעגלעכע קינדער...

ס'פאָדערן זיך מכשירים פאַר גימ־נאַסטיק און נאָך אַנדערע קלענערע און גרעסערע זאַכן, וואָס מוזן אומבאַ־דינגט געשאַפן ווערן — וועגן אַלץ מוז געזאָרגט ווערן, יעדע קלייניקייט שפּילט דאָ אַ גרויסע ראָלע... מען טראַכט, ווי אַזוי אַרום מיטלען צו שאַפן דערפאַר, מען זיצט מיט פאַרקנייטשטע שטערנס און מען טראַכט... דער זייגער ווייזט שוין אַ היפּש ביסל נאָך האַלבער נאַכט, אָבער קיינער האָטגאָר ניט בדעה וועגן דערהיים צו קלערן... אַלץ מוז פאַר־זאָרגט ווערן, ס'דאַרפן, לכל הפּחות, געוויי אָנגעצייכנט ווערן די וועגן, ווי־אַזוי דאָס אַלץ איינצושאַפן...

אַ צווייטער מאָמענט: ערשטע העלפט פון יאָר 1928. אויף דער שול „מפיצי־השכּלה" רוקט זיך אָן אַ שווערע כמאַ־רע... דער שול דראָט אַ סכּנה פון אונ־טערגאַנג, פון פאַרניכטונג—דער עלטערן־קאָמיטעט ווייזט ווידער אַמאָל אַרויס מסירת־נפש און אויסגעהאַלטנקייט אין קאַמף פאַר דער אויפהאַלטונג און דער־האַלטונג פון זיין ליבער שול... אמת, ס'האָבן זיך געפונען צווישן די מיטגלי־דער פון עלטערן־קאָמיטעט אייניקע, וואָס האָבן פאַרראַטן זייער שול. צום כּבוד פון גרעסטן רוב פון ע"ק, מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז ער האָט העל־דיש דעמדאָזיקן נסיון אויסגעהאַלטן און זיך ניט געלאָזט פאַרנאַרן אין זאַק אַריין... דער גרעסטער טייל פון די מיטגלידער פון ע"ק האָט די שול אין אַן עת־צרה ניט פאַרלאָזט און ניט פאַר־ראַטן... די עלטערן האָבן פאַרגעסן אָן אַלץ און אַלעם און זיך געגעבן די מי' זייער שול צוריק אויפצושטעלן, ווידער

אמאל איינצופעסטיקן זייער ליב צארט קינד... זייערס האבן זיי לסוף דערגרייכט... די שול לעבט און וועט לעבן!"

ס'וואלט זייער באלערנדיק געוועזן זיך אפצושטעלן געגוי אויף דער אר־בעט פון דעם עלטערן־קאמיטעט פארן ערשטן יאר נאכן איבערברוך—אן אר־בעט, וואס איז פול געוועזן מיט העלדנ־מוט און אמתער מסירת־נפש. ס'וואלט געגוג געוועזן אפילו צו באשרייבן עט־לעכע פרטים פון דער שטוב־אגיטאציע... צו פריש איז דאס אלץ נאך אין זכרון און צו נאענט זיינען די מענטשן... ביי דער געלעגנהייט דארף מען דערמאנען די פארשטארבענע מיטגלידער פון עלט. קאמ. כיענע בעזדאנסקי און מאטל נאוויק, וואס האבן זיך מיט א באמת יוגנטלעכן ברען געווארפן אין דער ארבעט פון אויפבוי און הויז־פראפאגאנדע און האבן זייערע שוואכע כחות ניט געשאנעוועט. אין אלגעמיין דארף באמערקט ווערן, אז די ארבעט פון עלט. קאמיטעט האט געטראגן א ברייטן געזעלשאפטלעכן כאראקטער. זי איז ניט איבערגעריסן געווארן אין משך פון די לעצטע 2 יאר.

צוגלייך מיט דער געזעלשאפטלעכער ארבעט האט דער עלט. קאמ. געטראגן א גאנצע ריי אנדערע פליכטן, וואס זיינען געוועזן דירעקט פארבונדן מיטן אינערלעכן שול־לעבן. ער האט געזארגט וועגן פארגרעסערן די הכנסות פון שול: איינגעארדנט אונטערנעמונגען, זאמלונ־גען, באשטייערונגען; ער האט מיטגע־ארבעט אין אלע אנדערע צווייגן פון דער שול: אין די שבתדיקע קינדער־אודיטאריעס, אין דראמ. קרייז, אין די שול־יום־טובים; געזארגט וועגן דער בא־שפייזונג פון די אומפארמעגלעכע קינ־דער, וועגן די פיזיש שוואכע, שאפנדיק פאר זיי א מעגלעכקייט צו פארברענ־גען די זומער־חדשים אויף די קאלא־ניעס א. א. וו.

# באגריסונג פון צענטראלן עלטערן־קאמיטעט.

דער צענטראלער עלטערן־קאמיטעט פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין ווילנע בא־גריסט די שול „מפיצי השכלה" צו איר 15־יאריקן יובל און ווינטשט איר דערפאלג אין איר ווייטערדיקער ארבעט.

דער צענטראלער עלטערן־קאמיטעט פאדערט פון דער מלוכה, זי זאל אויסהאלטן די יידישע שולן צוגלייך מיט די פוילישע. די ווילנער יידישע עלטערנשאפט וועט קעמפן פאר דערדאזיקער גערעכטער פאדערונג, ביז וואנען זי וועט פון דער מלוכה אנערקענט ווערן.

בנימין ברעסטאָוויצקי,
(געוו. מיטגליד פון עלטערן-קאָמיטעט).

# זכרונות און געדאנקען פון א טאטן.

סוף יאָר 1923. איך בין נאָר וואָס צוריקגעקומען פון דער קאָוונער-ליטע אין מיין היימשטאָט—ווילנע. הגם איך האָב דאָרט אויך שוין איבערגעלאָזט אַ נעץ פון יידישע שולן, אָבער אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס כ'האָב דאָ אויף דעם געביט געטראָפן, איז עס ממש געגליכן געווען צו נול... בכלל האָבן עפעס דאָ, אין מיין ווילנע, די יידישע שולן גאָר אַן אַנדער אויסזען, גאָר אַ באַזונדער געשמאַק און אייגנאַרטיקע באַפאַרבונג, ווי אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אין ירושלים דליטע..

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דער יידישער שול אין ווילנע איז טאַקע געווען די 8-קלאַסיקע פאָלקס-שול „מפיצי השכלה". אַהער האָב איך מיטגעבראַכט אַ „יאַט" פון אַ יאָר 7—„צייט פאַר אים אין שול אריין"!.. לויט דער עצה פון באַקאַנטן שול-טוער ח' שור מאַך איך אַ שפּאַציר אין דער יינגלשול. אין דער קאַנצעלאַריע פון שול, וואוהין כ'בין אַריינגעקומען, וויל דאָס אויג ממש זיך ניט אָנזעטיקן מיט אַלעם דעם, וואָס עס זעט דאָ: גרויסע גלאָז-שראַנקען, אַ זעלטן שיינער פיזישער קאַבינעט, אַ שלל מיט פאָרש קאָלעקציעס געשאַפן מיט דער בריטער האַנט. ס'באַהערשט מיך אַ גרויסע פרייד. אַ האַרציקע שמחה כאַפּט מיך אַרום—ס'ווילט זיך פשוט מאַכן די טראַדיציאָנעלע ברכה פון „שהחינו וקימנו"!..

ס'גלעקל לאָזט זיך הערן... באַלד ווערן די זאַלן איבערפולט מיט אַ מענגע קליינע קינדערלעך... די לופט ווערט איבערפולט מיט אַ הודזשעניש, ווי אין אַ בינשטאָק... אַנשטאָט בינען—משהלעך מיט שלמהלעך. אַלע זאַלן זיינען אָנגעפילט מיט פרייד און געלעכטער, עס שפרודלט מיט לעבן.

בעת דער הפסקה האָב איך דעם כבוד צו ריידן מיטן פאַרוואַלטער פון דער שול, אין וועמענס הענט איך גיב איבער מיין קינד...

פון דעמאָלט אָן הייבט זיך עס אָן מיין נאָנטערע באַקאַנטשאַפט מיט דער יינגלשול „מ"ה".

בקרוב ווער איך צוגעצויגן צו דער אַרבעט פון עלטערן-קאָמיטעט ביי דער דאָזיקער שול. אויף דעם פּאָסטן פאַרבלייב איך אָן איבעררייס די גאַנצע צייט ביז מיין זון פאַרענדיקט זי. פאַר דעם משך צייט האָב איך צוזאַמען מיט די איבעריקע מיטגלידער פון ע"ק דורכגעמאַכט פאַרשיידענע צייטן און לאַגעס: בחברותא געקעמפט, צוזאַמען זיך געפרייט, נחת געשעפט, אָפטמאָל ניט ווייניקער צער אין זיך אַריינגעזאַפט. ניט איינער פון אונדז עלטערן איז אַדורכגעדרונגען געוואָרן מיט דער גרויסער אחריות פאַר דער אַרבעט, וואָס ער טוט, פאַר דער גרויסער היסטאָרישער עובדה. גאַנצע דורות, אָדער אפשר גאַנצע יאָרהונדערטער האָבן אויף אַזאַ מאָמענט געוואַרט און געגאַרט... געוואַרט אויפן נס פון אויפבויען פאַר זיך און די ווייטערדיקע דורות אַן אָרט, אַ מקום-מקלט פאַרן גייסט, פאַר פאַר נשמה פון פאָלק, אַן אָרט, וווּ ס'זאָל אויסגעהאַמערט ווערן די צאַרטע נשמה פון יונגן דור, אַן אָרט ווו אונדזער גאַנצער עתיד, אונדזער קינד זאָל דערמעגלעכט ווערן צו באַקומען אַן אייגענע יידישע דערציִונג אויף זיין אייגענער מאַמע-שפּראַך...

איצט האָבן מיר זוכה געווען צום 15-יאָריקן יובל פון אַ יידישער שול!

15 יאָר פאַר אַ יידישער שול! פאַר אַ זייטיקן צוקוקער איז עס גאָר לייכט אָפּצוריידן, אָבער דער, וואָס האָט די דאָזיקע יאָרן מיטגעמאַכט, פאַר דעם יעניקן וואָס האָט אַליין געפרוווט זיך איינשפּאַנען אין יאָך פון דער מאַשינעריע, וואָס הייסט „יידישער שול-וועזן", פאַר דעם וואָס האָט דאָס אַלץ אַליין דורכגעפּאַקט און דורכגעמאָזלט, טאָג-איין—טאָג-אויס געזען מיט די אייגענע אויגן, ווי דאָס ליב קינד מאַטערט

זיך אין שווערע קאָנוווּלסיעס פון רעכטלאָזי־קייט, אין שווערע אַנגסטן פון נויט און דחקות פאַר דעם איז 15 יאָר עקזיסטענץ פון אַ יידי־שער שול אַ יום־טוב, אַ גרויסער יום־טוב.

עלטערן און פריינט! פאָרקעמפער און מיטקעמפער פון דער נייער יידישער שול!

אייך אַלעמען שיק איך צום 15־יאָריקן יובל פון אונדזער שול „מ״ה“ אַ מונטערן, אַ גרויסן מזל־טוב. זייט געגריסט, לערער און שול־טוער ביי אייער היילִיקער אַרבעט!

לאָמיר אַלע הויך און מונטער אויסרופן:

לאַנג לעבן זאָל די נייע יידיש־וועלטלעכע שול!!!

לעבן און וואַקסן זאָל די שול „מפיצי־השכלה“!



III קלאַס אויף אַ לעקציע פון גימ־נאַסטיק מיטן לערער ע. קאַטשער־גינסקי (רעכטס דער קל.־לערער מ. קאַגאַנאָוויטש).



פאַרווײַלונג פון V קלאַס מיטן אָנ־טייל פון עלטערן און לערער.

מ. ק—ש

# דאָס ערשטע יאָר.

ווינטער 1915.

דעם ווילנער ברוק קלאַפּט אָפּ צום טאַקט דער האַרטער זעלנערישער טראָט.

דאָרט ביי דער „אָסטראַ בראַמאַ“, קעגן אונדזער שטוב, ווו ס'איז אַלע-מאָל געשטאַנען מיכאַילאָוו, אונדזער „גאָראָדאָוואָי“, שטייט איצט דאָס שוואַרצע גלאַנציקע „שפּיצהאַובע“ איבער אַ פּאָר אָנגעשפּיצטע וואָנצן און דונערט מיט דאָנער-וועטער-ר-ר-רס אויף די „פאַרפלוכטע רוסען“.

אַזוי געדענק איך יענע ווינטערדיקע טעג אויף אונדזער אָסטראָבראָם-גאַס.

פאַר דעם „שוצמאַן“ מוז איך זיך היטן. ער נעמט ביי מיר צו דאָס ביסל ציגאַרעטן, וואָס איך פאַרקויף דעם פאַרביימאַרשירנדיקן דייטשישן זעלנער.

די מוטער נייט וועש אין דעם דייטשישן „זאָלדאַטענהיים“. דער פאָטער מאַכט פאַפּיראָסן און איך פאַרקויף דאָס.

„ניכטס צו מאַכען—קריגסצייט“.

אַמאָל לויף איך צום „באַנהאָף“—דריי זיך מיט נאָך צענדליקער ווי איך יינגלעך און באָט זיך אָן דעם דייטש אַ פּעקל אונטערצוטראָגן.

איך ברענג אין שטוב אַ זילבערנעם רייכסמאַרק, אַמאָל אויך אַ ברויטל.

---

אויף קאָננע גאַס 4 האָט מען אויסגעקלעפּט אַ יידיש צעטל: עס עפנט זיך אַ יידישע שול... מען נעמט אָן תּלמידים.

בייטאָג האָט מען מיך פון שטוב געשיקט זיך פאַרשרייבן. איך גיי אויף די טרעפּ און ס'האַרץ שלאָגט מיר.

עס פליען און קומען געדאַנקען, באַלד-פאַרגעסענע בילדער—די רוסישע שול... נאַטשאַלניע... לעוו באָריסאָוויטש... זאַוועדוויושטשי... סמירנאָ סידעט! טשע-וואָ ראָט ראַזינול!..—און דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער און שטאַרקער.

איך געדענק שוין ניט, ווי איך האָב געטראָפן צו דער טיר. נאָר ווען איך בין אַריין, איז אין דעם קליינעם ענגן צימער פול געווען מיט לערער. זיי זיי-נען געשטאַנען ביים שרייב-טיש און הויך גערעדט יידיש (איך האָב געמיינט מען רעדט דאָ רוסיש). איך האָב זיך צעטומלט און געוואָלט אַוועקגיין.

— קום אַהער, וואָס אַנטלויפסטו? וואָס זאָגט איר צו אים? אָקאָרשט אַריין און לויפט שוין צוריק!

צו מיר האָט זיך דערנענטערט אַ לערער און מיך צוגעפירט צום טיש. דאָס איז געווען אונדזער שפּעטערדיקער יידיש-לערער—מ. שאַליט. ער האָט מיך שוין ניט אָפּגעלאָזן, אויסגעפרעגט פון אַלץ: פון מיין לערנען פריער, פון מיינע איצטיקע געשעפטן. צו קען איך נאָך עפּעס? צו קען איך יידיש לייענען. איך האָב גאָר פאַרגעסן אָן מיין שרעק. יידיש—טראַכט איך—„זשאַרגאָן“ און אָנ-געהייבן פליסיק צו לייענען דאָס, וואָס מען האָט מיר אויפגעמישט אין „דאָס יידישע וואָרט“ 1-טער טייל. איך האָב יידיש געקענט פון לייענען צייטונגען.

מען האָט מיך פאַרשריבן אין 4-טן קלאַס.

---

ס'איז אַוועק אַן אַנדער לעבן. מער בין איך שוין צום „באַנהאָף" ניט געגאַנגען. אין שול איז געווען גוט, געמיטלעך און אַלץ ניי. איך האָב זיך דאָ געטראָפן מיט מיינע אַלטע חברים, נאָך פון חדר.

אין שול איז געווען זייער ענג. דער לאָקאַל—קליין. מיר האָבן געוווינט בשכנות ביי דער שפעטער־אָנגערופענער קופערשטיין־שול. דער 5־טער (עלט־סטער) קלאַס איז געזעסן אין אַ גאָר פיטשינקן צימערל. ער האָט זיך געהאַלטן באַזונדער, זיך ניט געמישט מיט די קליינוואַרג. דאָס זיינען אָבער געווען פריי־לעכע יונגען און מיר פלעגן אַלעמאָל אַריינקוקן צו זיי. איינזיקע פון זיי גע־דענק איך זייער גוט: סטאַצקי לייב, מאַרגאָלין עמינדב, אַרלוק חיים, ריץ יוסף ראָזענטאַל בער, דוואָרצאַן געצל, מענדעלעוויטש, אַלפערן בנימין, קאַפלאַן, שאַץ אָשר און אַנד. זיי זיינען נאָך פון פאַרן ערשטן אַרויסלאָז.

צו פרילינג 1916 האָט זיך די שול אַריינגעקליבן אין אַ נייעם לאָקאַל, דעם איצטיקן, דאַן אָסטראָבראָם 26. אין פאַרגלייך מיטן פריערדיקן איז עס געווען אַ פּאַלאַץ. איך געדענק, ווי מיר, קינדער, האָבן אַריבערגעשלעפט דעם שול־אינווענטאַר. מיר האָבן זיך געפילט אַליין ווי די בויער פון דער שול און מיר האָבן זיך איר איבערגעגעבן בלב ונפש.

דאָס לערנען איז אונדז געווען אַ פאַרגעניגן, כאָטש די מעטאָדן פון לער־נען זיינען געווען דאַן, פאַר די דייטשן, פאַרמלחמהדיקע. אונדזערע האָריזאָנטן האָבן זיך אָנגעהייבן פאַרברייטערן.

עס האָבן מיט אונדז געלערנט: מ. שאַליט (יידיש), ז. רייזען (געאָגראַ־פיע), מ. שור (נאַטור), קוידאַנאָווסקי (חשבון, געזאַנג), מאַשע רובינשטיין (דייטש) מ. קאַפלאַן (רוסיש, צייכנען). איך מוז דאָ דערמאָנען די התלהבותדיקע לעק־ציעס פון געאָגראַפיע (ז. רייזען).—איך געדענק—דער אַקטועלער דאַן קאַמף פון די אירלענדער פאַר אומאָפהענגיקייט (האָמרול)—וויפל האָט ער געררייצט אונדזער יוגנטלעכע פאַנטאַזיע! פאַר אונדזערע אויגן האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט לענ־דער און פעלקער מיט זייערע ברענענדיקע טאָג־טעגלעכע פראָבלעמען.

אונדזער יידיש־לערער מ. שאַליט וועט אין מיינע שול־זכרונות שטענדיק בלייבן פאַרבונדן מיט ר' מרדכילעס משל „נאָטקע קאַפּאָטקע". אַזוי שאַרף, גלאַט און שפיציק זיינען די יידיש־לעקציעס געווען.

מיטן נאַטור־לימוד בין איך עפעס צו יענער צייט ניט אינגאַנצן שווה בשווה געווען. אָט געדענק איך ווי היינט: איך שטיי ביים טאָוול און ווין מיט ביטערע טרערן און אונדזער טייערער מ. שור שטעלט מיר אַן אומברחמנות־דיקן „2" אויף נאַטור, למאי איך ווייס גאָרניט וועגן די „תבואות".

דאָס יאָר 1916 און שפעטער. אַרום אונדז בושעוועט די אַכזריותדיקע מלחמה, וואָס שוינט קיינעם ניט. און ביי אונדז אין די שולן זיינען מיר פאַר־באַריקאַדירט. מיר לעבן אויף אינדזעלעך פון פרייד. צענדליקער און הונדער־טער קינדער ווערן צוריקגעריסן פון דער גאַס און אומגעקערט צום קינדער־לעבן, צו לעבנס־פרייד.

אונטער די פליגלען פון אונדזער מאַמע־שול און טאַטעס־לערערס האָבן מיר זיך געהאָדעוועט. מיר וועלן יענע יאָרן פון פרייד תמיד געדענקען!

ה׳ מענקע (מ. חפץ).
אביטורענט פון 1-טן גרויסלאָז

# זכרונות.

## א) מיר בויען דעם 1-טן יידישן קינדער-קלוב.

האָבן די 12—14 יאָריקע ייִנגלעך מיט התמדה אַרויסגעשאַרט דאָס לעצטע ביסל קאַרטאָפל פון די 2 פּאַרוואָרלאָזטע צימערן, אויסגעוואַשן די פּאָדלאָגעס מיטן וואַסער, וואָס האָט געקונען פון באַלטן, און געמאַכט די ערשטע פאַרזאַמלונג פון ערשטן יידישן קינדער-קלוב.

ס׳איז לייכט צו דערציילן וועגן דעם, אָבער גאָרניט אַזוי לייכט איז עס אָנגעקומען די פּיאָנערן פון יענער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג צו מאַכן דעם אָנהייב. מ׳האָט געטאַפּט אין דער פינצטער. קינדער—אויפגעוואַקסן אין יאָרן פון הונגער און אָקופּאַציע. יעדער געדאַנק איז געווען אַן אַנטפּלעקונג, יעדער פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג, צאַפּלדיקע פרייד.

מען האָט אויסגעקליבן אַ פאַרוואַלטונג פון 5 קינדער און 2 קאַנדידאַטן, זי זאָל אויסאַרבעטן דעם סטאַטוט, מאַכן די פייערלעכע דערעפענונג, אַרויסגעבן דעם זשורנאַל און אײַנאָרדנען די גאַנצע קלוב-אַרבעט.

האָט זיך די „פאַרוואַלטונג" אײַנגעטיילט די פונקציעס (פּאָרזיצער—מ. חפץ; וויצע—מ. קאַהאַנאָוויטש; סעקרעטאַר—ה. בעזפּראָזוואַני; קאַסיר — י. בלושינסקי) און זיך צעזעצט אויף לאַנגע זיצונגען, מיט לאַנגע דעבאַטן צו באַאַרבעטן דעם סטאַטוט (פאָרגעלייגט דורך ח. בע—ני) און אַרויסצוטראָגן באַשלוסן.

דער קינדער-זשורנאַל, דאָס איז געווען די גרעסטע געשעעניש. „יונגע קנאָספּן"—אַזוי האָט ער געהייסן און ס׳האָט לאַנג גענומען, ביז מען האָט דעם שיינעם נאָמען צוגעקלערט.

אַזוי האָבן די ייִנגלעך פון דער שול „מפיצי-השכלה" מיט ענטוזיאַזם גענומען בויען אַן אייגענע, שיינע קינדער-רעפּובליק...

ס׳איז געווען דאָס יאָר 1918.

## ב) די לעצטע טעג אין שול.

פון פסח האָט זיך שוין געפילט די פייערונג פון 1-טן גרויסלאָז. מיטן 8-טן קלאַס האָט מען מערסטנס געלערנט אין סאַד, אָדער אין פעלד הינטער דער שטאָט. דער העברעאיש-לערער גאָרדאָן האָט געזונגען מיט אונדז ביאַליקס איבערזעצונג פון יידיש „למה תהיה רב" און אַגב אַריינגערעדט, אַז מען זאָל בלייבן העברעאיש-לערער.

ד"ר ש. אַייזנשטאַט האָט מיט אונדז געלערנט ביאָלאָגיע און אין קלוב געהאַלטן לעקציעס. דער פאַרשטאָרבענער ד"ר ל. חייט האָט מיט אונדז געלערנט אַנאַטאָמיע. און ח׳ גאָלדשמידט געשיכטע און ליטעראַטור, איז מיט אונדז פאַרפאָרן אין גאָר הויכע פילאָזאָפיעס.

נייע הימלען, ברייטערע האָריזאָנטן האָבן זיך כסדר אויסגעשפּרייט פאַר אונדז. געזאָגט האָט מען אונדז, אַז דער אַבסאָלוטער אמת איז ניט צו דערגרייכן און געמיינט האָבן מיר, אַז אַלץ פאַרשטייען מיר שוין, אַז אַלץ איז פאַר אונדז צוגענגלעך און אַלע סודות וועלן אונדז פונאַנדערפענען די פילאָזאָפיע-שליסלען.

דער קלוב און די פילאָזאָפיע האָבן אונדז אָנגעפילט מיט אויטערגעווייג־
יעכער געוואַגטקייט און זיכערקייט אין אונדזערע כוחות.

האָט מען דעם אַרויסגעגעבענעם זשורנאַל אַ נאָמען געגעבן „פאַקלען״
און אַ מאָטאָ (פון ח. בעני) איז געווען דערבײַ:

„לאָמיר צינדן פאַקלען העלע,
ס׳איז אַ פאַקל יעדע זעלע
און מיט פאַקלען און מיט פלאַמען
לאָמיר אַלינקע צוזאַמען
איבער וועלטן, חורבות שפרייזן,
נייע וועגן מענטשן ווייזן״.

איז מען געגאַנגען אין די אָוונטן און אַרײַנגעטייטשט קולבאַקס „שטאָט״
און גאָרקיס דערציילונגען ווי אַ שטיקל גמרא. מען האָט געמאַכט ליטעראַרישע
משפטים, מ׳האָט געהייבן און געשליידערט גרויסע שרייבער, כלל־טוער, פּאָלי־
טישע פירער און פילאָזאָפישע גאונים. און געשאַצט האָט מען מיט אַ טאָן פון
גרויסע אויטאָריטעטן און פון געוואָגטע קריטיקער...

אונדזערע לערער האָבן התלהבותדיק געשאַפן און די אמונה, מוט און
זיכערקייט פון די דערהויבענע שעפער, האָט אויך באַפליגלט די יונגע נשמות.

## ג) עקזאַמענס און סיום

כאַראַקטעריסטיש: אונדזער קלאַס האָט זיך גערופן אויפן נאָמען פון
„מענדעלען״, אָבער אויפן שריפטלעכן עקזאַמען פון יידיש האָבן 2 בלויז
געשריבן די טעמע פון „זיידן״, אַלע איבעריקע האָבן געשריבן וועגן י. ל. פּרץ,
וועמעס דערציילונגען („גיי ניט מיט מיר, קינד מיינס״) עס האָבן אונדז אַמ־
שטאַרקסטן געלאָקט.

די מונדלעכע עקזאַמענס האָט מען געפירט אין דער פאָרם פון אַן אַלגעמיי־
נעם שמועס. אויף פיזיק, למשל, האָט מען אויף אַן אָרט געפּרוווט קאָנסטרואירן אַ
פּאָמפּע נאָר מיט איין קלאַפּאַן. און צווישן די אַרויסגעשטעלטע אַליינגעמאַכטע
מכשירים האָט זיך אויסגעטיילט אַ „פּערפּעטום מאָבילע״, וואָס צוקערמאַן און
גרינשטיין האָבן זיך געמאַטערט אויפצובויען.

האָט טאַקע דער בייגעוועזענער ד״ר שאַבאַד געשאָקלט מיטן גרויען קאָפּ
און דערמאָנט די עקזאַמענס פון „אַמאָל״ און ווען ס׳איז געקומען די סיום־פיי־
ערונג, איז ער ניט זאַט געוואָרן צו פּאָדערן, מען זאָל פאָרלייענען נאָך איינע
און נאָך איינע פון די שריפטלעכע עקזאַמען־אַרבעטן. און טאַקע באַלד האָט
ער זיך אַליין אַרײַנגעצייגן אין התלהבותדיקן חסידישן טאַנץ, וואָס האָט אַרומ־
גענומען אין דעם יום־טובדיק־איבערפולטן זאַל אַלעמען—יונג און אַלט.

מ׳האָט געפייערט דעם ערשטן אַרויסלאָז פון אַ יידישער שול. די אַלגע־
מיינע שמחה האָט אונדז אַזוי פאַרשלונגען און באַצויבערט, אַז אַלץ און יעדן
האָט זיך געוועלט אַרומנעמען און האַלדזן. אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין
גרויסן לעבעדיקן טאַנצנדיקן קאַנץ, וואָס האָט באַהעפט אונדזערע יונגע
הענט און הערצער אויף שטענדיק.

אַזוי דוכט זיך מיר דאָס אַפילו היינט, ווען ס׳האָבן אַ פלייץ געטאָן זכרונות
פון פאַר 10־יאָרן, אין שייכות מיטן 15־יאָריקן יובילײַ פון אונדזער ליבער שול.

גע׳זעצט פון געוו. שילער ראָזענטאַל בער.

אַהרון באַסטאָמסקי.
אביטוריענט פון IV-טן גרוסלאַז
אויפן נאָמען פון אַ. רייזען.

# פריידן און פּליכטן...

(אַ שטים פון אַן אַביטוריענט).

פייערן דעם יובל פון אונדזער שול, פון אונדזער אין האַרצן איינגעבאַקענער שול אין אַ צייט פון ביטערן געראַנגל פון אונדזערע יידיש-וועלטלעכע שולן פאַר זייער עקזיסטענץ, איז אַ דערמונטערונג, וואָס פרישט אָפּ די כוחות, איז אַ באַוויז אונדזערע אַלע אינעווייניקסטע און דרויסיקע שונאים--אַז אומזיסט איז זייער מי.

15 יאָר עקזיסטענץ, 15 יאָר אַרבעט ביי אַזעלכע שווערע באַדינגונגען פון רעכטלאָזיקייט, פון בייזוויליקע אָנפאַלן! און אַז מע האָט אויסגעהאַלטן, וועט מען אויך אויסהאַלטן אויף ווייטער! און דאָפּלט איז אונדזער שמחה, גרעסער איז אונדזער יום-טוב, וואָס אונדזער ליבע יינגלשול האָט נאָך אירע לעצטע שווערע נסיונות, ווען זי איז געשטאַנען ביים ראַנד פון אָפּגרונט, זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס. — מע לערנט ווייטער, מע דערציט ווייטער יידישע קינדער פון אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס אין גייסט פון מענטשלעכקייט, וועלטלעכקייט, ליבע צו דער נאַטור און ליבע צו אַרבעט.

און עס ווילט זיך טאַקע אין דעם יום-טוב דערציילן אַ טייל פון דעם וויאַזוי מיר, די איצטיקע אַביטוריענטן און געוועזענע תּלמידים, האָבן פאַרבראַכט די בעסטע יאָרן פון אונדזער לעבן, די פרייע קינדהייט, אין שול. עס שווימט מיר אויף אין זכרון דאָס יאָר 1919. ס'איז נאָך פּסח, אין שטאָט הערשט אַ שטילקייט ווי אויף אַ בית-עולם, אַלע זיינען נאָך אונטער די פרישע איינדרוקן פון די שרעקלעכע פּסח-טעג, מע האָט נאָך מורא צו גיין אין גאַס — דאַן בין איך אָנגעקומען אין שול. אַלץ איז פאַר מיר ניי געווען. געקומען פון חדר, פון אַמאָליקער „עזרה" פון אַראָפּ שלאָס-גאַס, ווו מע האָט די פרייע צייט פאַרבראַכט אויפן הויף ביים מיסטקאַסטן, אין אַ שול מיט ליכטיקע צימערן, מיט אַ גאָרטן צום שפּילן זיך, האָב איך אויפגענומען אַלץ מיט באַוווּנדערונג,

מיט קינדערשן נײַגיר. הײַנט דאָס לערנען — מען לערנט אָן היט־
לען, און די למודים: געאָגראַפיע, געשיכטע, נאַטורוויסנשאַפט,
חשבון, יידיש! אַלץ נײַע זאַכן. וויפיל פרייד און גענוס האָבן מיר
געהאַט בײַם דורכפירן אַן עקספּערימענט, ווי מע זעט אַלץ באַ־
שײַנפּערלעך מיט די אייגענע אויגן. הײַנט דאָס אַרבעטן אויפן
גאָרטן: איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי מיר פלעגן קאַניקל־
צײַט 6 אַזייגער פאַרטאָג לויפן אין שול־גאָרטן אויסצוויעטן אונ־
דזערע בייטן. וויפיל ליבע עס האָט זיך געפונען אין דער אַרבעט.
און וויפיל פרייד בײַם באַקומען די פרוכט פון אייגן באַאַר־
בעטן גאָרטן — און צולעצט דאָס לערנען יידיש. איינע פון די
באַליבסטע לעקציעס אונדזערע איז געווען דער יידיש־לימוד. ווי
גוט מיר האָבן זיך געפילט, ווען מיר האָבן אין קלאַס געלייענט
שלום־עליכמס „מאָטל פייסי דעם חזנס" אָדער קאַפּיטלען פון
מענדעלעס „שלמה רב חיימס", מיר האָבן אַלץ מיט די העלדן
מיטגעלעבט, געפרייט זיך מיט זייערע פריידן, מיט זייערע אײַנ־
פאַלן און המצאות, און מיט די גלײַכווערטלעך פון אונדזער ליבן
לערער שלמה באַסטאָמסקי. — ליבע צו דער אַרבעטנדיקער מאַסע,
צו יידיש, צו דער יידישער שפּראַך, צו דער יידיש־וועלטלעכער
קולטור—האָבן מיר, אַביטוריענטן, צו פאַרדאַנקען אונדזער שול—
די שול איז פאַר אונדז געווען אַ היים, ווו מיר האָבן זיך אײַנ־
גאַנצן אויסגעלעבט. הונגעריקע, באָרוועסע פלעגן מיר קומען אין
שול און דאָרט פלעגן מיר געפינען אַ פרײַנטלעכע סביבה פון
לערער און חברים. מיר פלעגן איינער דעם אַנדערן פאַרשטיין, —
איך פיל מיך גליקלעך, וואָס כ׳האָב דורכגעמאַכט מײַן קינדהײַט
אין אַ יידיש־וועלטלעכער שול. אויב ניט אַלעמען, האָט די שול
אַ גרויסן טייל פון אונדז געגעבן די מעגלעכקײַט צו קוקן מיט
אָפענע אויגן אויפן לעבן, ליב האָבן אַרבעט, פילן די שיינקײַט
פון דער ליטעראַטור, פון פּאָעזיע. די שול האָט אונדז צוגעגרייט
צו קענען פאַרשטיין, וואָס איז אַזוינס אַ גוטער טעאַטער. זי האָט
זיך געמיט אין אונדז אײַנצופלאַנצן אַ חוש פאַר מאָלערײַ און טאַקע
אונדזער ייִנגלשול קען שטאָלץ זײַן מיט אירע אַביטוריענטן־
קינסטלער, מאָלער. אונדזער שול בכלל און די ייִנגלשול בפרט
מיט זיך און שאַפט אַ נײַעם מענטשן, אַ מענטשן, וואָס שטייט
מיטן פּנים צו דער מאַסע, קעמפט מיט זיי צוזאַמען, וויטיקט
מיט זיי צוזאַמען. דאָס איז די נײַע זיך שאַפנדיקע יידישע אַר־
בעטער־אינטעליגענץ.

גרויס איז די פרייד, אָבער נאָך גרעסער איז די אַחריות און דערעיקר די פליכטן, וואָס יעדער אַביטוריענט מוז אויף זיך פילן. צו זײַן שטענדיק גרייט אויפן רוף פון זײַן שול,—אָפּצוצאָלן מיט איבערגעבנקײַט און מעשים אין יעדן מאָמענט, ווען ס׳איז נויטיק. דער קאַמף פאַר גלײַכבאַרעכטיקונג פון אונדזערע שולן איז נאָך ניט קיין פאַרענדיקטער. אונדזערע לערער שטייען פאַרעקשנט אויף זייערע פאַזיציעס שוין איבער 15 יאָר—לאָמיר, תּלמידים זייערע — אַביטוריענטן פון די יידיש-וועלטלעכע שולן זיי העלפן.

אַלע אַביטוריענטן אַרום דער יידיש-וועלטלעכער שול!
זאָל לעבן די יידיש-וועלטלעכע שולן!
זאָל לעבן אונדזער ליבע ייִנגלשול „מפיצי-השכלה"!



דראַמאַטישער קרייז בײַ דער ייִנגלשול.

א. בולקין.

# די אַביטוריענטן פון דער יינגלשול „מפיצי־השכלה״

## וואָס טוען זיי און ווו זייַנען זיי?

אין די קרייזן פון די טוער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן און אין דער פּרעסע פלעגן אָפט געשטעלט ווערן די פראַגן: „ווו זיינען אונדזערע אַביטוריענטן? וואָס טוען זיי? ווי האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט אין לעבן?״. די אונטן געבראַכטע אַנקעטע האָט דעם ציל צו געבן אַ מער אָדער ווייניקער קלאָרן ענטפער אויף די געשטעלטע פראַגן. די אַנקעטע איז דורכגעפירט געוואָרן צווישן די אַביטוריענטן ספּעציעל פאַר דער יובל־העפט און אין די פאַלן, ווען ס'איז אוממעגלעך געווען אַ דירעקטער קאָנטאַקט – צווישן נאָענסטע קרובים, חברים און פריינט זייערע.

פאַר יעדען, וואָס וועט דורכקוקן די דאָזיקע אַנקעטע, וועט קלאָר ווערן, אַז די גרעסטע מערהייט פון די אַביטוריענטן האָט זיך אין לעבן איינגעאָרדנט, אַז מענטשן אָן אַ באַשעפטיקונג איז צווישן זיי אויף די פינגער אָנצוציילן.

דער פעד. ראַט פון דער יינגלשול „מפיצי השכלה״ האָט געשטרעבט איינצופלאַנצן אין זיינע תּלמידים ;: ליבע צום אייגענעם פאָלק און מענטשן בכלל, אַ דראַנג צו אַרבעט. ער האָט געשטרעבט צו מאַכן פון זיינע תּלמידים און אַביטוריענטן נוציקע מענטשן פון דער געזעלשאַפט פאַר יעדן אַרויסלאָז פלעגט דער פעדאַגאָגישער ראַט צונויפרופן קאָנ־פערענצן פון לערער, עלטערן און תּלמידים, כּדי געֶנוי אַרומצוריידן די פראַגע וועגן זייער צוקונפט. דער פעד. ראַט פלעגט דינען די עלטערן מיט זיינע דערפאַרונגען און גענויער באַקאַנשאַפט מיטן תּלמיד, זיינע נייגונגען און פעיִקייטן. אויב די ווּנטשן פון די עלטערן און די אַביטוריענטן ווי אויך די האָפענונגען און די שטרעבונגען פון די לערער זיינען ניט אַלעמאָל מקוים געוואָרן – איז עס ניט זייער שולד, נאָר די השפּעה פון פאַרשיידענע ס'רוב אומגינסטיקע פאַקטאָרן, וואָס ווירקן אין דעם לעבעדיקן לעבן, אין דער אַלטעגלע־כער ווירקלעכקייט. דער פעד. ראַט האָט זיין חוב געטאָן. *)

מעגלעך, אַז ס'זיינען אין דער אַנקעטע אַריינגעפאַלן אייניקע גאָר קליינע אומפּינקט־לעכקייטן. מיר בעטן דעריבער די אַביטוריענטן, וועלכע דאָס איז נוגע, צו פאַר־ריכטן זיי דורך בריוו אין שול.

*) די אַנקעטע נעמט אַרום נאָר די אַביטוריענטן וואָס האָבן געענדיקט די שול און נעמט ניט אַרום די, וואָס זיינען צוליב פאַרשיידענע סיבות (ס'רוב מאַטעריעלע) דערגאַנגען ביזן 5־טן, 6־טן אָדער 7־טן קל, זייער צאָל איז זייער גרויס געווען ס'האָט זיך ניט געלאָזן דורכפירן אַזאַ גענויע אנקעטע בנוגע זיי.

# I אַרויסלאָז (1920–21).

| לויפנדער № | פֿאַמיליע און נאָמען | וואָס נאָך פֿאַר אַ שול געענדיקט? | באַשעפֿטיקונג | וווינאָרט |
|---|---|---|---|---|
| 1 | אַלפֿעראָוויטש זעליק | | אַרבעטער | ארץ־ישראל |
| 2 | בעזפּראָזוואַני חיים | ניו־יאָרקער לערער־סעמינאַר | לערער און שריפֿטשטעלער | ניו־יאָרק. |
| 3 | באַראַן מרדכי | | סוחר | ווילנע. |
| 4 | בלושינסקי יעקב | ווילנער טעכניקום | טעכניקער | פֿראַנקרייך. |
| 5 | גורלאַנד חיים | | באַנק־אָנגעשטעלטער | בערלין. |
| 6 | גאַמאַרסקי הירש | | שאָפֿער | ווילנע. |
| 7 | געלפֿעלד לייב | ווילנער טעכניקום | בוכהאַלטער | 〃 |
| 8 | געלפֿער משה | 〃 〃 | 〃 | 〃 |
| 9 | גרינשטיין ישראל | קאָוונער העבר. לער.־סעמינ. | לערער | קאָוונע. |
| 10 | וועלעס דוד | ווילנער ייד. לערער־סעמינאַר | 〃 | רוזשאַני. |
| 11 | חפֿץ מנחם | 〃 〃 〃 〃 | 〃 | ווילנע. |
| 12 | לונסקי יעקב | רעאַל־גימנאַזיע אַגראָנאָמישן אינסטיטוט אין בעלגיע. | אַסיסטענט ביי אַן אוני־ווערסיטעט אין בעלגיע | בעלגיע. |
| 13 | לונסקי משה | רעאַל־גימנ., פּאָליטעכנ. (נאַנסי) | אינזש.־כעמיע. | נאַנסי. |
| 14 | לאַוואַרישעק אליקום | 4־יאָר. סעמינ., „אָרט“־וואַרשט. | מעכאַניקער | סטאַלינגראַד |
| 15 | פּילניק מכאל | ווילנער־טעכניקום | אינזשינער | ראַטנפֿאַרב. |
| 16 | צוקערמאַן נח | לערער־סעמינאַר. | לערער | פּרוזשענע. |
| 17 | קאַפּלון מכאל | | בעקער | ווילנע. |
| 18 | רובינשטיין לייב | | ביוראַליסט | 〃 |
| 19 | רוטשטיין יצחק | לערער־סעמינאַר. | לערער | 〃 |
| 20 | שיפּרין לייב | | דרוקער־אַרבעטער | 〃 |
| 21 | טראָופּיאַנסקי יעקב | לערער־סעמינאַר. | לערער | וואַרשע. |
| 22 | מאַרגאָלין עמינדב | אַרויסגעטראָטן פֿון VIII קל. | אָגראָנאָם, קאָרעספּאָנדענט פֿון פֿאַרשייד. צייטונגען. | בערלין. |

# II אַרויסלאָז (1921–22).

| לויפנדער № | פֿאַמיליע און נאָמען | וואָס נאָך פֿאַר אַ שול געענדיקט? | באַשעפֿטיקונג | וווינאָרט |
|---|---|---|---|---|
| 1 | בענדער לייב | „אָרט“־וואַרשטאַטן | שלאָסער | ווילנע |
| 2 | בלושינסקי מרדכי | | ביוראַליסט | 〃 |
| 3 | בלאָך הירש | | פּוטער־קירזשנער | פּאַריז |
| 4 | גרונטוואָגע משה | | | אַרגענטינע. |
| 5 | געלפֿער אליהו | גימנאַזיע גורעוויטש, הויך־שול. | ? | ראַטנפֿאַרב. |
| 6 | גאָלדבערג בן־ציון | לערער־סעמינאַר. | לערער | פּינסק |
| 7 | דושיק הירש | | זעמשער | ווילנע |
| 8 | וואַפֿנער מרדכי | רעאַל־גימנאַזיע. | פּריוואַט־לערער | 〃 |
| 9 | זעלדין לייב | | ביוראַליסט | 〃 |
| 10 | קאַגאַנאָוויטש ישראל | „אָרט“־וואַרשטאַטן. | שלאָסער־מעכאַנ., שאָפֿער | 〃 |
| 11 | ליכטשטיין בצלאל | | שניידער | 〃 |
| 12 | סטאָקלישסקי אהרון | | צאָן־טעכניקער | 〃 |

| לויפנדיקער № | פאַמיליע און נאָמען | וואָס נאָך פאַר אַ שול געענדיקט? | באַשעפטיקונג | וווינאָרט |
|---|---|---|---|---|
| 13 | סאַלאָמאָן ברוך . . . | רעאַל=גימנאַזיע, פּאָליטעכניקום | אינזשיניער | פראַנקרייך |
| 14 | פלודערמאַכער ברוך . | 〃 〃 〃 〃 | האַנדלס=אַגענט | 〃 |
| 15 | ציפּקין יעקב . . . | 〃 〃 〃 הויך=שול. | פאַרוואַלטער פון א טעלעגראַף-סטאַנציע. | ראַטנפאַרב. |
| 19 | קאַפּלאַן אליעזר . . | | זייגער=מייסטער | ווילנע |
| 17 | קריניצא מרדכי . . . | „אָרט״=וואַרשטאַטן. | שלאָסער | 〃 |
| 18 | רובינשטיין אייזיק . . | | עלעקטראָטעכניקער | 〃 |
| 19 | רייכעל ישעיה . . . | רעאַל-גימנאַזיע, סטודענט פון ווילנער אוניווערסיטעט | לערער | 〃 |
| 20 | שייניוק שלמה . . . | | ארב. אין א קוואַס-פאַבר. | 〃 |

## III אַרויסלאָז (1922—23).

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 1 | אראָנאָוויטש גרשון . . | | ביוראַליסט | ווילנע |
| 2 | אייזין יהושע . . . | רעאַל=גימנ, ווילנער טעכניקום. | 〃 | 〃 |
| 3 | בערקמאַן ישראל . . | | ביוראַליסט | וואַרשע |
| 4 | גאָלאָמב משה . . . | רעאַל=גימנאַזיע. | מאַגיסטר.=אָנגעשט. | ווילנע |
| 5 | דיסלער יוסף. . . . | | סטאָלער | ארץ=ישראל |
| 6 | זשאַלודסקי שמואל . . | | זשורנאַליסט | ווילנע. |
| 7 | טאָרף שמואל . . . | ווילנער טעכניקום. | טעכניקער | ראַטנפאַרב. |
| 8 | יאַשונסקי שמואל . . | | ביוראַליסט | ווילנע |
| 9 | יערוזאַלימסקי יוסף . | | זעמשער | 〃 |
| 10 | לעווין בנימין . . . | | ביוראַליסט | 〃 |
| 11 | קאַפּלאַן יעקב . . . | לערער=סעמינאַר. | לערער | פוילן (?) |
| 12 | קאָסאָווער מרדכי . . | רעאַל-גימנ., יאַפּער לערער-סעמינאַר. | זשורנאַליסט | ארץ=ישראל. |
| 13 | שלאָפּראָק ישראל . . | ווילנער טעכניקום. | טעכניקער | ווילנע |
| 14 | פּאָקעמונסקי הירש . . | וואַרשטאַטן פון „אָרט״. | שלאָסער | 〃 |
| 15 | פּאָקעמונסקי מאיר . . | 〃 〃 〃 | 〃 | 〃 |
| 16 | תבואה שמעון . . . | | מעכאַניקער | 〃 |

## IV אַרויסלאָז (1923—24).

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 1 | באָסטאָמסקי אהרון . . | | סטאָלער | ווילנע |
| 2 | 〃 דוד | | צאָן=טעכניקער | 〃 |
| 3 | ברענאַייזן יואל . . . | רעאַל=גימנאַזיע | שטעפּער | פאַריז |
| 4 | בוכמאַן שמואל . . . | | סוחר | אַרגענטינע |
| 5 | בערקמאַן אליהו . . | | האַנדלס=אָנגעשט. | וואַרשע |
| 6 | ביילים שלמה . . . | | זשורנאַליסט, מיטגליד פון „יונג-ווילנע״ | ווילנע |
| 7 | גורלאַנד דוד | גימנאַזיע ס. מ. גורעוויטש, ייד. לערער=סעמינאַר | לערער | |
| 8 | גרינער . . . . . | טעכניקום | עלעקטראָטעכניקער | אָשמענע |

| לויפנדיקער № | פאַמיליע און נאָמען. | וואָס נאָך פאַר אַ שול געענדיקט? | באַשעפטיקונג | וווינאָרט. |
|---|---|---|---|---|
| 9 | געציליס ירחמיאל | גימנ. גורעוויטש, סטודענט פון דער קונסט-אָפּט. פון ווילנ. אוניווערסיטעט. | קינסטלער, מיטגליד פון „יונג-ווילנע“. | ווילנע. |
| 10 | גורוויטש הירש | גימנאַזיע ס. מ. גורעוויטש. | תּלמיד פון טעכניק. | „ |
| 11 | דינאַבורג מאָטל | | אַרבעטער. | ארץ-ישראל. |
| 12 | וואַפנער משה | גימנאַזיע ס. מ. גורעוויטש. | וואַנט-מאָלער. | ווילנע. |
| 13 | כאַנין יקותיאל | | סוחר. | „ |
| 14 | טראַפּונסקי אַברהם. | גימנ. ס. מ. גורעוויטש, ייד. טעכניקום | טעכניקער. | פּאַריז. |
| 15 | ווייס מרדכי | ג. ס. מ. גורעוויטש, טולוזער פּאָליטעכנ. | אינזשינער. | פראַנקרייך. |
| 16 | קאַץ דוד | גימנ. ס. מ. גורעוויטש | פּארוו. פון א לעדער-פאבריק. | כאַרקאָוו. |
| 17 | קאָטלאָווסקי שלמה. | גימנ. ס. מ. גורעוויטש | | ווילנע. |
| 18 | קאַטשערגינסקי ראובן | 3 יאָר סעמינאַר | צאָן-טעכניקער. | „ |
| 19 | ליכטשטיין ברוך | ס. מ. גורעוויטש, טולוזער אוניווערס. | אינזשינער-אגראָנאָם. | פראַנקרייך |
| 20 | מאָוושאָוויטש אַברהם | רעאַל-גימנאַזיע | ? | ווילנע. |
| 21 | מכתּם בן-ציון | גימנ. ס. מ. גורעוויטש, סטודענט פון ווילנער אוניווערסיטעט. | קינסטלער, מיטגליד פון „יונג-ווילנע“. | „ |
| 22 | פּילניק חיים. | | שלאָסער. | |
| 23 | מינקאָוו מרדכי | 4 קורסן לערער-סעמינאַר. | ביוראַליסט. | בראַזיליע |
| 24 | רודאַשעווסקי חיים | | צאָן-טעכניקער. | ווילנע. |
| 25 | ריבאַק מרדכי | | ביוראַליסט. | „ |
| 26 | פּאַרוס חיים | | מעבל-סטאָלער. | פּאַריז. |
| 27 | כהן שמשון | רעאַל-גימנאַזיע | זשורנאליסט, מיטגליד פון „יונג-ווילנע“. | ווילנע |

# V אַרויסלאָז (1924—25).

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 1 | בּרענאַייזן חיים | הומאַניסטישע גימנאַזיע. | סטוד. פון פּאָליטעכנ. | נאַנסי. |
| 2 | גאָלדין לייב | רעאַל-גימנאַזיע | ביוראַליסט. | ווילנע. |
| 3 | דגים יצחק | | בוכהאַלטער. | „ |
| 4 | העלער לייב | הומאַניסטישע גימנאַזיע. | באַן-קאָנדוקטאָר. | סמאָלענסק. |
| 5 | זשיסלין מאָניש | הומאַניסטישע גימנאַזיע. | בוכהאַלטער. | ווילנע. |
| 6 | טאַבאַק פּסח | ייד. לערער-סעמינאַר. | לערער. | לובלין. |
| 7 | כאַנין אליהו | | באַזוכט א מלוכהשע גערטנעריי-שול | ווילנע. |
| 8 | כיטראָ אַברהם | וואַרשטאַטן פון „אָרט“. | שלאָסער-מעכאַניקער, שאָפער. | „ |
| 9 | לערנער דניאל | הומאַניסטישע גימנאַזיע. | | „ |
| 10 | מאָוושאָוויטש אַברהם | רעאַל-גימנאַזיע | זעמשער. | „ |
| 11 | סאָלאָווייטשיק הירש | | צאָן-טעכניקער. | „ |
| 12 | פינסקער יצחק | | ביוראַליסט. | וואַרשע. |
| 13 | ראַבינאָוויטש יצחק | | פאָטאָגראַף. | יאָהאַניסבורג. |
| 14 | ראָזאָוו | „הילף דורך אַרבעט“. | סטאָלער. | פראַנקרייך. |

## VI אַרויסלאָז (1925–26)

| לויפנדיקער № | פאַמיליע און נאָמען | וואָס נאָך פאַר אַ שול געענדיקט? | באַשעפטיקונג | וווינאָרט |
|---|---|---|---|---|
| 1 | כייקין שלמה . . . . | לערנט אין סעמינאַר. (IV קורס) | שילער | ווילנע |
| 2 | ווערבלון יוסף . . . . | געענדיקט הומאַנ. גימנאַזיע, לערנט אין סעמינ. (V קורס) | „ | „ |
| 3 | ריטוואָ יוסף . . . . | „אָרט״=וואַרשטאַטן. | מעכאַניקער | |
| 4 | זאַנדער יואל . . . . | | פאַרבער | „ |
| 5 | טענצער לייב . . . . | רעאַל=גימנאַזיע. | | אזודיטש(וואָלין |
| 6 | בערנשטיין חצקל . . | לערנט אין סעמינאַר (V קורס) | שילער | |
| 7 | ראַבינאָוויטש יוסף . | | האַנדלסאָנגעשט. | ווילנע |
| 8 | זאַרעצקי לייב . . . . | | „ | „ |
| 9 | בענגיס יצחק . . . . | | זעמשער | |
| 10 | שפריירעגן . . . . . | „אָרט״=וואַרשטאַטן. | מעכאַניקער | ווילנע |
| 11 | גינדין מענדל . . . . | | | מאָסקווע |
| 12 | קאָוואַרסקי יצחק . . | | עלעקטר.=מעכאַניק | |
| 13 | זשיסלין ברוך . . . . | רעאַל=גימנאַזיע. | בוכהאַלטער | ווילנע |
| 14 | גראָדזענסקי . . . . | | האַנדלס=אָנגעשט. | „ |
| 15 | טאָרף דוד . . . . . | | | מאָסקווע |
| 16 | קאַץ ירחמיאל . . . . | | רימער (ביים טאַטן) | ווילנע |
| 17 | כהן אשר . . . . . | | אָנגעשטעלטער | דרום=אַפריקע |

## VII אַרויסלאָז (1926–27)

| לויפנדיקער № | פאַמיליע און נאָמען | וואָס נאָך פאַר אַ שול געענדיקט? | באַשעפטיקונג | וווינאָרט |
|---|---|---|---|---|
| 1 | אַלבערט שלמה . . . | | אָנגעשטעלטער. | ווילנע. |
| 2 | בלומענטאַל נחמן . . | | נאַפט=הענדלער. | „ |
| 3 | באַראַנטשיק שמואל . | רעאַל=גימנאַזיע. | מאַטור., צוקונפט. סטוד. | „ |
| 4 | גאָרפיין הירש . . . | גימנאַזיע „ס. מ. גורעוויטש״. | סטודענט יורי. | „ |
| 5 | גאָרדאָן אברהם . . | | שלאָסער. | „ |
| 6 | גלאַזער . . . . . | | ? | וואָלין. |
| 7 | טעפער יואל . . . . | | ? | „ |
| 8 | טרעגער וואָלף . . . | | פוטער=קירזשנער. | ווילנע. |
| 9 | יאַבלאָן זעליג . . . | | שניידער. | „ |
| 10 | יאַוויטש שמעון . . . | | שילער פון 3=טן קורס ייד. לערער סעמינאַר. | „ |
| 11 | יאָכעלעס משה . . . | | | „ |
| 12 | ליפשיץ הערץ . . . | רעאַל=גימנאַזיע. | מאַלער. | גרענאָבל, פראַנק. |
| 13 | טאַבאַק משה . . . . | | סטודענט פאָליטעכנ. | וואָלין. |
| 14 | סטיצקי אברהם . . . | רעאַל=גימנאַזיע. | ? | ווילנע. |
| 15 | סאַדאָוו ישראל . . . | 2 קורסן לערער=סעמינאַר. | אָנגעשטעלטער. | „ |

| לויפיקער № | פאמיליע און נאמען | וואס נאך פאר א שול געענדיקט? | באשעפטיקונג | וווינארט |
|---|---|---|---|---|
| 16 | פרוזשאן חנן . . . . | | קצב. | ווילנע. |
| 17 | קאפינסקי זלמן . . . . | | אנגעשטעלטער. | לוצק. |
| 18 | קרעמער אלטער . . | | ארבעט אין א קאלך-אויוון | ווילנע. |
| 19 | מאגילניק בער . . . . | | ? | ווידז. |
| 20 | פוזיריסקי לייב . . . | גימנאזיע „ס. מ. גורעוויטש" | תלמיד פון VIII קלאס „דזיענצעלסקי". | ווילנע. |
| 21 | קאלמאנאוויטש . . . . | | שטיינקריצער. | „ |
| 22 | ראן לייזער . . . . . | | טשעמאדאנמאכער | „ |
| 24 | ריגעל בנימין . . . . | | בעקער. | „ |
| 23 | שמערקאוויטש ישראל . | | אנגעשטעלטער. | „ |
| 25 | גינזבורג אברהם . . | | זעמשער. | „ |

# VIII ארויסלאז (1927—28)

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 1 | בלינדער לייב . . . . | | ביורא-אנגעשטעלט. | ווילנע. |
| 2 | ברודנא יצחק . . . . | האנדלס-קורסן פון י. געזונטהייט. | תלמיד פון גימנ. | „ |
| 3 | בודאווניטש אליעזר . | | ? | „ |
| 4 | גוטמאן שניאור . . . | | ערד-ארבעטער | נ.-סווענציאן. |
| 5 | גארפיין אהרון . . . | | אנגעשטעלטער | ווילנע. |
| 6 | דארגוזשאנסקי יצחק . | | סטאלער | „ |
| 7 | וויינבערג יעקב . . . | | תלמיד פון וויל. טעכנ. | „ |
| 8 | יאגאד יוסף . . . . . | | זעמשער | „ |
| 9 | ליפשיץ יוסף . . . | | צאן-טעכניקער | „ |
| 10 | לעווין אברהם . . . . | | בעקער | „ |
| 11 | ליבערמאן זלמן. . . | | | ווילייקע. |
| 12 | מוט יודל. . . . . . | | צאן-טעכניקער | ווילנע. |
| 13 | מאסקאר חיים . . . . | | האנדלס-אנגעשט. | „ |
| 14 | מיקלין חיים . . . . . | | צאן-טעכניקער | „ |
| 15 | נאדבארנע זיגמונד . | | תלמיד פון פוילישן לערער-סעמינאר | „ |
| 16 | סוכאווסקי אברהם . . | „הילף-דורך-ארבעט". | טופיצער. | „ |
| 17 | פרידמאן יוסף . . . . | | לערנט אין קאנסערוו. | „ |
| 18 | קרוסמאן ישעיהו . . | | תלמיד פון יידישן לערער-סעמינאר | „ |
| 19 | רודניצקי שלמה . . | | צאן-טעכניקער | נ.-סוועניציאן |
| 20 | ראמבאק אליעזר . . | | שטעפער | ווילנע. |
| 21 | רובין ישעיהו . . . . | | רעטושאר | „ |
| 22 | שאפטאן יצחק . . . . | רעאל-גימנאזיע. | שטודירט | ? |

# IX אַרויסלאָז (1928–29)

| לויפֿנדיקער № | פֿאַמיליע און נאָמען | וואָס נאָך פֿאַר אַ שול געענדיקט? | באַשעפֿטיקונג | וווינאָרט |
|---|---|---|---|---|
| 1 | באַראַנטשיק נחמן . . | | מאַלער, תּלמיד פֿון „הילף דורך אַרבעט״ | ווילנע. |
| 2 | בורגין יחיאל . . . | | שניידער | „ |
| 3 | פּילניק אליהו . . . | | צאָן־טעכניקער | „ |
| 4 | פּישמאַן ברוך . . . | | תּלמיד פֿון ייד. טעכניקום | „ |
| 5 | קאַגאַנאָוויטש נחום . . | | תּלמיד פֿון ייד. טעכניקום | „ |
| 6 | קאַטשעלניק זלמן . . | | תּלמיד פֿון ייד. טעכניקום | ווילנע. |

# X אַרויסלאָז (1929–30)

| לויפֿנדיקער № | פֿאַמיליע און נאָמען | וואָס נאָך פֿאַר אַ שול געענדיקט? | באַשעפֿטיקונג | וווינאָרט |
|---|---|---|---|---|
| 1 | אַבעל לייב . . . . | | סטאָלער, „אָרט״־וואַרשט. | ווילנע |
| 2 | ברעסטאָוויצקי אַהרון | | תּלמיד, גימנ. ס. מ. ג. | „ |
| 3 | ברודנאָ משה . . . . | | ? | וואָלאָזשין |
| 4 | ווישינאַרעס אַהרון . . | | תּלמיד, גימנ. ס. מ. ג. | ווילנע |
| 5 | מלמד חיים . . . . | | פּוילישע האַנטוו. שול | „ |
| 6 | ליזדאַן בער. . . . | | באַזוכט האַנד.־קורסן | „ |
| 7 | סטיצקי יוסף . . . . | | אָנגעשטעלטער | „ |
| 8 | פּוטשקאַרניק יעקב . . | | „ | „ |
| 9 | מוראַשקין ישראל . . | | לערנט זיך | „ |
| 10 | פּלאָטניק שמעון . . . | | פּריזירער | „ |
| 11 | קעניגסבערג וועלוול . | | תּלמיד, רעאַל־גימנ. | „ |
| 12 | קריזאָווסקי נחום . . | | טאָקער | „ |
| 13 | שרייבמאַן פּסח . . . | | ? | סווענציאַן |

גלײַכצײַטיק מיטן X נאָרמאַלן אַרויסלאָז פֿון דער שול איז אויך פֿאָרגעקומען אַן אַרויסלאָז פֿון דעם VII קלאַס. דאָס איז געשען צוליב דער קליינער צאָל קינדער אין דעם קלאַס (ניט אַלע האָבן געהאַט די מעגלעכקייטן צו לערנען זיך נאָך אַ יאָר) און צוליב שפּאָר־זאַמקייט־טעמים. דער אַרויסלאָז פֿון VII קלאַס איז באַשטאַנען פֿון די פֿאָלגנדיקע תּלמידים:

1. ברודנאָ שמחה (טעכניקום). *)
2. גאָלאָמב דוד (גימנ. ס. מ. גורעוויטש).
3. ווערסקיין דוד (רעאַל־גימנאַזיע).
4. טאַראַקינסקי לייב (רעאַל־גימנאַזיע).
5. לעווין הירש (אײַנבינדער).
6. לאַוּוצען לייב (שלאָסער, „אָרט״־וואַרשט.)
7. קאָוואַרסקי זלמן (טעכניקום).
8. קרעמער משה (סטאָלער, „אָרט״־וואַרשט).
9. ריכטער יצחק (רעאַל־גימנאַזיע).
10. עפּשטיין שלמה (אײַזן־קרעמער).

*) די ידיעות אין די קלאַמערן ווײַזן, ווו די תּלמידים לערנען זיך איצט, אָדער דעם פֿאַך, אין וועלכן זיי זײַנען באַשעפֿטיקט. ביים דורכפֿירן די אַנקעטע האָבן צוגעהאָלפֿן די אַביטוריענטן: באַראַנטשיק נ., באַסטאָמסקי אַ., ווישינאַרעס א., זשיסלין מ., כײַקין ש., פּילניק א. און קרוסמאַן י.

# דער דראַמאַטישער קרייז ביי דער יינגל שול „מפיצי השכלה“.

אין פאַרשיידענע צייטן זיינען ביי דער שול געווען טעטיק עטלעכע דראַמאַטישע קרייזן.

דער איצטיקער דראַמאַטישער קרייז ביי דער שול האָט זיך געגרינדעט אין נאָוועמבער 1928. אויף אַן הפסקה איז ביי אונדז, שילער פון 7–8 קלאַס, אויפגעשווומען דער געדאַנק צו גרינדן אַ דראַמ. קרייז. די שול האָט זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן צוריק אויפצובויען; זי נייטיקט זיך אין מיטלען; מיר ווילן אַוועקשטעלן אַ פיעסע און קומען צו הילף דער שול. מיר וועלן שטודירן דראַמאַטישע ווערק; אונדזערע טרוימען זיינען פאַרפלויגן נאָך ווייטער, צו יענער צייט, ווען מיר וועלן די שול שוין ענדיקן און בלייבן דאָך מיט איר פאַרבונדן.

די ערשטע פּראָבעס אונדזערע קומען פאָר אויף די הפסקות אין קלאַס. אונדזערע ערשטע רעזשיסערן זיינען דער פאַרוואַלטער ב. לובאָצקי און דער יידיש-לערער א. גאָלדשמידט. מיר איילן זיך. מיר ווילן באַווייזן נאָך צו חנוכה אַוועקשטעלן אַ פראַגמענט פון מירבאָס „זשאַן און מאַדלענאַ“. די אַרבעט האָט אונדז פאַראינטערעסירט, אָבער עס גייט צו אַלץ לאַנגזאַם. גראָד דאַן האָט אונדז דער פאַרוואַלטער ב. לובאָצקי רעקאָמענדירט אַלס אָנפירער פון אונדזער קרייז דעם ח׳ משה פאַפיערין, אַ מיטגליד פון אונדזער עלטערן-קאָמיטעט. ער איז שפעטער געוואָרן אונדזער ווייטערדיקער מורה-דרך, צו וועמען מיר באַציען זיך תמיד מיט ליבע און אַכטונג.

ער זעצט פאָר די אָנגעהויבענע אַרבעט, גרייט מיט אונדז צו אַחוץ דעם צו חנוכה נאָך טונקעלערס בילד „בריליאַנטן“. דער דערפאָלג פון אונדזער ערשטן אַרויסטריט אויף אונדזער שול-יום-טוב האָט אונדז נאָך מער אָנגעמוטיקט צו ווייטערדיקער אַרבעט. מיר ציען אַריין אין אונדזער קרייז די שילערינס פון ד. קופערשטיין-שול (מיר האָבן דאַן געפירט געמיינזאַם די קלוב-אַרבעט אין שול).

מיר גרייטן צו „פאָטער און זון“ פון ש. אַנסקי און „ניט פאַרמשפט“ פון י. ל. פרץ (איינסצענ. פון מ. פאַפיערין). די אַרבעט אונטער דער געניטער אָנפירונג גיט זייער גוטע רעזולטאַטן. אונדזערע אַרויסטריטן אויף די אָוונטן אין שול און אין זאַל פון פאָלקס-טעאַטער אויף אַ צ. ב. ק.-פרימאָרגן האָבן אויסגענומען ביים עולם. מיר שטעלן זיך ניט אָפּ און אַנטוויקלען זיך ווייטער.

כמעט גלייכצייטיק מיט אונדז גרינדעט זיך אין שטאָט אַ דראַמ. קרייז פון אייניקע דערפאַרענע ליבהאָבער א. נ. „ווילנער פאָלקס-בינע“, אונטער דער אָנפירונג פון ב. קרעמער. זייער ציל איז צו העלפן דער יידישער שול זייערע עפנטלעכע אַרויסטריטן אין פינסקיס „דער אוצר“ און אין א. דימאָווס „דער זינגער פון זיין טרויער“ ציען צו די אויפמערקזאַמקייט פון ברייטן עולם און פון דער פרעסע. זיי חזרן איבער די דאָזיקע פיעסעס מיט דערפאָלג עטלעכע מאָל.

די „ווילנער פאָלקס-בינע“ גייט אַריין אין אַ קאָנטאַקט מיט דער שול „מפיצי השכלה“; זי איז גרייט צו געבן אַ ריי פאָרשטעלונגען לטובת דער שול. זיי רעפעטירן די מוזיקאַלישע פאַראָדיע „דער דיבוק אויף דער לינקער זייט“ פון א. סעגאַל און „דאָס גרויסע געווינס“ פון שלום-עליכם. זיי נעמען אַריין צו זיך אייניקע מיטגלידער פון אונדזער דראַמאַט. קייז. מיט דער צייט ווערט אָבער די פאַרבינדונג צווישןביידע קרייזן אַלץ ענגער. אין די שבתדיקע קינדער-אוידיטאָריעס פאַר די שול-קינדער און אין די פאַרוויילונגען פאַר די עלטערן נעמען אָנטייל ביידע קרייזן. עס ווערן איינגעשטודירט און דורכגעפירט ביז 20 רעוויי-פאָרשטעלונגען.

מיר יינגערע האָבן זיך אַ סך אָפּגעלערנט ביי די עלטערע, מער דערפאַרענע מיטגלידער פון דער „פאָלקס-בינע“. אין יאָר 1929 שטעלן מיר ז. סעגאַלאָוויטשעס „די וואַנט“ (רעזש. מ. פאַפיערין). אָנהייב יאָר 1930 אָרדנט איין

דער מאַגיסטראַט אַ ריי פאָרשטעלונגען אין פאָלקס-טעאַטער פאַר אַלע יידישע שול-קינדער פון שטאָט. די דאָזיקע פאָרשטעלונגען טרויט ער אָן דער „וו. פאָלקס-בינע“, וועלכע פירט אויס מיט גרויס דערפאָלג „דער אוצר“ פון ד. פינסקי, אונטער דער רעזשי פון ב. קרעמער, און „דער אַרענדאַר“ פון י. פּרץ — רעשז. פון מ. פאַפּיערין.

אַ טייל פון אונדזער קרייז האָט שוין געהאַט צו דער צייט געענדיקט די שול, נאָר מיר בלייבן ענג פאַרבונדן מיט איר און זיינען גרייט ווייטער צו אַרבעטן פאַר איר. דאַן ווערט באַשלאָסן צונויפצוגיסן דיביידע קרייזן אין איינעם. דער שווערפּונקט פון אונדזער אַרבעט זיינען ניט נאָר אַרויסטרעטונגען, נאָר אויך דאָס שטודירן, דאָס לערנען זיך אויפן געביט פון דראַמאַטישער קונסט. מיר רעפּעטירן ה. סעקלערס „דעם צדיקס נסיעה“, „קאָקעטקעס“ פון מאָליער.

צום ניי-יאָר 1931 אָרדנט איין די שול „מפיצי השׂכּלה“ אַ שלום-עליכם-באַל, וואו עס ווערט צום ערשטן מאָל אויפגעפירט אויף דער בינע „מאָטל פייסי דעם חזנס“ (רעזשי מ. פאַפּיערין) און „נאָר אַ דאָקטאָר“ (רעזשי ב. קרעמער).

אין משך פון דער צייט האָבן מיר זיך אין דער אַרבעט אַנטוויקלט; אַזוי אַז אייניקע פון אונדז שפּילן שוין איצט אין דער „ווילנער טרופּע“ (דבורה ראָזנבלום, יוסף ווידעצקי און מכאל כּץ), די אַרבעט האָט אין אונדז איינגעפלאַנצט ליבע און אינטערעס צו דער קונסט. אייניקע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין וואַרשע אין דער סטודיע פון ד"ר מכאל ווייכערט, אָפּקומענדיק דאָרטן „על קידוש יידיש-טעאַטער“. די פאַרבליבענע אַרבעטן אינטענסיוו; מיר שטודירן פאַרשיידענע געביטן (גרים, קאָסטיום און אַנדערע טעכנישע לימודים), קלייבן פונאַנדער פּיעסן, באַהאַנדלען פראַגן, פאַרבונדענע מיט דער דראַמ. קונסט. דערפאַר אפשר האָבן מיר לעצטנס ווייניקער אַרויסטריטן. דער אויסוואַל פון די פּיעסן געהערט צו דער ליטעראַרישער קאָמיסיע, אין וועלכער עס גייען אַריין פאָרשטייער פון פּעד. ראַט. (די רעזשי ליגט אין די הענט פון ב. קרעמער און מ. פאַפּיערין)

אין משך פון 3 יאָר האָבן מיר געהאַט אַ סך פּראָבעס, שמועסן און לעקציעס. אַלע זיינען מיר צוגעבונדן צו דער שול. דאָס רוב פון אונדז זיינען אירע אַביטוריענטן. מיר זיינען אין איר אויסגעוואַקסן און מיט איר צונויפגעוואַקסן. מיר האַלטן דעם שול-יובל פאַר אונדזער יום-טוב און טראָגן אונדזער אָנטייל מיט ליבע און חשק. אונדזער לאָזונג איז: העלפן בויען די יידישע שול, די יידישע קולטור, ליטעראַטור, דעם ערנסטן יידישן טעאַטער!

**דראַמאַטישער קרייז.**

---

## רשימה פון די מיטגלידער פון קרייז פאַר דער גאַנצער צייט:

איזראַצילאָוו רבקה, אַלבערט שלמה, אַייזיק בן-ציון, אַר וסקי בתיה, באַראַנטשוק נחמן, גורגין יחיאל, ברודנאָ שמחה, בלאָך משה, געלבאָרט שרה, גנעסין אַנע, דובינסקי ראובן, ווידעצקי יוסף, טראַבינאָוויטש העניע, כּאַ עט שרה, כּץ מכאל, לעווין חיים, ליכטשטיין נחמן, מאַצקין לאה, מוסקאָ שיינע, נאָוועטשטערן דבורה, ניימילער זעלדע, סטיצקי יוסף, ספּר, פּילניק אליהו, פישמאַן ברוך, פּילניק לייבי, פּאַפּיערין משה, קאַטשעלניק זלמן, קאַהאַנאָוויטש נחום, קעניגסבערג וועלוול, קאַטשעראָווחוה, קרעמער נחמה, קרעמער בצלאל, קרימסקי יעקב, קאַטשערגינסקי ראובן, ראָזנבלום דבורה, רוטענבערג יקותיקל, שווייליך משה, שטילער בערטע, שטיינהויער יעקב, שאַץ מאַשע.

## די לערער, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער ייִנגל שול „מפיצי השכלה" אין משך פון די ערשטע 15 יאָר.

1. אַבראַמאָוויטש ב.
2. אווינאָוויצקי א.
3. אינזש.אידעלסאָן מאַרק
4. ד"ר אײַזנשטאַט ש.
5. אַרליוק ב.
6. באַסטאַמסקי שלמה
7. באַרישניק ברוך
8. בולקין אברהם
9. בורשטיין ב.
10. בעקער וו.
11. בערעזאָווסקי דוד
12. גאָלאָמב שמואל
13. ד"ר גאָלדבורט ש.-ד"ר
14. גאָלדשמידט א. י.
15. גאַרדאָן
16. גער מאיר
17. גורעוויטש חנה
18. גורעוויטש ישראל
19. גליאָט ח.
20. גראַסמאַן י.
21. גרינבלאַט ד.
22. וויניק א.
23. זאַבלודאָווסקי-לייקינס.
24. זאוועלס י.
25. פרל' זאַלצמאַן
26. „ זילבער
27. ד"ר חיית שול-ד"ר
28. חיימסאָן מ.
29. טורבאָוויטש ל.
30. טשוזשאָי מ.
31. ד"ר יעווין
32. ידידאָוויטש ש.
33. כהן-שור חנה
34. כמעל יעקב
35. לאַם טשערנע
36. לובאָצקי ברוך
37. ליטוואַק מ.
38. לייבישסקי-האַלפּערן ר.
39. לעווי מאַניע
40. לעווין וויטע
41. לעווין יוסף
42. מאַזאָ מ.
43. מאָלטשאַדסקי ז.
44. מאַרגאָליס ש.
45. מאַרשאַלקאָוויטש
46. מהרשק י.
47. מכתם בן-ציון
48. מענדעלסאָן מאיר
49. נאָזשיץ ד.
50. סאַוויטש רבקה
51. סאָלאָווי מ.
52. סאָקאָלאָוויטש ר., שול-שוועסטער
53. סלעפּ א.
54. סעניצקי יצחק
55. עטקין ב.
56. עלמאַן ב.,מוזיק-לערער
57. אינזש. עפראָס
58. פרידמאַן מ.
59. פּראָפּיטקער ר.
60. צאַסטראָף אַ.
61. צוקער
62. צינצינאַטוס א.
63. קאַדושין ס.
64. קאַגאַנאָוויטש מ.
65. קאַטשערגינסקי מ.
66. פרל' קאַמאַי
67. קאַמערמאַכער אליהו
68. קאַנישטשיקער ל.
69. קאַסאַר יוסף
70. קאַפּלאַן משה
71. קאַץ (ח. ?)
72. קוידאַנאָווסקי ש.
73. ראַוזאַ י., מוזיק-לערער
74. ד"ר רובין ישראל
75. רובינשטיין מאַשע
76. רייזען זלמן
77. שאַדאָווסקי—שול-ד"ר.
78. שאַוועל א.
79. שאַליט משה
80. שאַפּיראָ צמח
81. שוסטעראָוויטש י.
82. שור מיכאל
83. שמערקאָוויטש ר.
84. שניידער
85. פרל' שערעשעווסקי
86. אינזש. שרייבער

### באַמערקונג.

די רשימה פון די לערער, וואָס האָבן אין משך פון 15 יאָר געאַרבעט אין דער ייִנגל שול, איז זיכער ניט קיין פולע. ליידער האָט זיך אונדז ניט אײַנגעגעבן צו געפינען אין שול-אַרכיוו די איבעריקע נעמען. דער גרעסטער טייל אָבער איז פאַרצייכנט געוואָרן. צווישן די לערער זיינען פאַראַן אַזוינע, וואָס אַרבעטן און האָבן אין דער שול געאַרבעט יאָרן-לאַנג און אַזוינע, וואָס האָבן פאַרבראַכט אין דער שול נאָר אַ קורצע צייט. אָבער אַלע האָבן געבויט און געשאַפן דעם פּרעכטיקן בנין—די ייִנגלשול „מפיצי השכלה".

דער פּעד. ראַט

# ייִנגלשול „מפיצי השכלה". לערניאר 1930—1931.

## א) צוזאַמענשטעל פון פעדאַגאָגישן ראַט:

1) פאַרוו. לובאַצקי ברוך, לערער: 2) באַסטאַמסקי שלמה, 3) בולקין אברהם, 4) בור־שטין בנימין, 5) גאָלאַמב שמואל, 6) זאַבלודאָווסקי־לייקין סימע, 7) לאַם טשערנע, 8) מאַרגאָליס שמואל, 9) סאַוויטש־גאָלאַמב רבקה, 10) סאָקאָלאָוויטש ר. (שוועסטער־היגיענישטין), 11) סלעפּ אַברהם, 12) קאַגאַנאָוויטש מרדכי, 13) קאַטשערגינסקי מלך, 14) קאַפּלאַן משה, 15) ד"ר שאַדאָווסקי (שול־דאָקטאָר).

מוזיק־לערער — ראַוזע י., קינסטלער — מכתם בן־ציון.

## ב) צוזאַמענשטעל פון עלטערן־קאָמיטעט:

1) ברודנאָ יודל, 2) גאָלוב שלמה, 3) געלבאָרד יצחק, 4) דוסיאַצקי אַלטער, 5) דוקשט עלקע, 6) ווישינאַרעס משה, 7) פרוי זשיסלין אסתר, 8 חדש משה, 9) לעווינזאָן הירש, 10) פרוי מאַצקעוויטש מאַשע, 11) מערייננאַ ישראל, 12) סגל אַברהם, 13) פרוי פּראַבע, 14) פּאַפּערין משה, 15) קאַזבאַ שמעון, 16) קאַלמאַנאָוויטש אַברהם, 17) פרוי קופּסיק, 18) קריזאָווסקי אַלטער, 19) קראַיק בערל, 20) ראַמבאַק משה, 21) שטאַמלער ביינוש, 22) פרוי שמש מיכלע.

## ג) צוזאַמענשטעל פון שול־קאָמיטעט:

1) ערן־פּאַרזיצער—ד"ר צמח שאַבאַד, 2) פּאָרזיצער—ד"ר אייזיק גאָלדבורט, מיטגלידער: 3) בראַדסקי א., 4) בראַזעוויטש י., 5) ברעסטאָוויצקי ב., 6) פרוי גאָרדאָן, 7) ד"ר גיר־שאָווסקי, 8) דראַזנעס א., 9) האַלפּערין ח., 10) וויינבערען י., 11) ח' יפה, 12) לאַנג־באָרד, 13) לעווינסאָן ב., 14) מאַכטיי מ., 15) פרוי מילייקאָווסקי מ., 16) נאָוואָ־גרודסקי מ., 17) סטאָליצקי י., 18) סטיצקי י., 19) סילין י., 20) פישמאַן י., 21) קאַגאַן ש., 22) פרוי קאַגאַן ל., 23) קאָלדאָבסקי ז., 24) קיט בן־ציון.



דער יובל־קאָמיטעט.

# די וואָס זיינען אַוועק פון אונדז.

פייערנדיק דעם 15-יאָריקן יובל פון דער יינגל-שול, מוזן מיר מיט יראת הכבוד דערמאָנען די אַלע, וואָס האָבן מיטגעבויט און מיטגעאַרבעט, געטראָגן, יערערער לויט זיינע מעגלעכקייטן, קענטעמישן און באַרוף, ציגל צו דעם גרויסן בנין, וואָס רופט זיך יינגל-שול „מפיצי השכלה“. דאָס זיינען:

בעזדאנסקי ביענע, מיטגליד פון עלטערן-קאָמיטעט.
גורלאנד דוד, אביטוריענט פון IV אַרויסלאָז.
חייט ד"ר, לערער און לאַנגיאָריקער שול-ד"ר.
לעווין, א. מיטגרינדער פון דער קינדער-סימפאָניע ביי דער שול.
נאוויק מאטל, מיטגליד פון עלטערן-קאָמיטעט.
צאסטראף אדאלף, לאַנגיאָריקער צייכן-לערער.
שאך הירש, מיטגליד פון שול-קאָמיטעט.

זיי אַלע זיינען דורכן גרויזאַמען טויט אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזערע רייען נאָך אין די יונגע אָדער מיטעלע יאָרן.

כבוד זייער אָנדענק!

פעדאגאגישער ראט.
עלטערן - קאמיטעט.
שול-קאָמיטעט.

# אינהאַלט:


צו די לייענער — יובל=קאָמיטעט . . . . . . . .
שול=הימן — ח. בעזפראָזוואַני (אַביטוריענט פון I אַרויסלאָז) . . . .
צו אַלע פריינט פון דער יידישער שול — צ. ב. ק. . . . . . .
ווי אַ פעלז אין אַ שטורעם... — ד"ר צ. שאַבאַד . . . . .
15 יאָר יינגלשול „מפיצי השכלה" — ז. רייזען . . . . .
צו דער געשיכטע פון דער יינגלשול „מ. ה." — ש. באַסטאָמסקי . .
דער ווידעראויפבוי פון „מפיצי השכלה" — ב. לובאָצקי . . . .
דער עלטערן=קאָמיטעט ביי דער יינגלשול „מ. ה."— אַ. בולקין . .
באַגריסונג פון צענטר. עלטערן=קאָמיטעט אין ווילנע . . . .
זכרונות פון אַ פאָטער — ב. ברעסטאָוויצקי . . . . .
דאָס ערשטע יאָר — ק—טש . . . . . . .
זכרונות פון אַן אַביטוריענט — מ. חפץ . . . . . .
פריידן און פליכטן — אַ. באַסטאָמסקי . . . . . .
נאָכן שטורעם... — נ. באַראַנטשיק . . . . . .
די אַביטוריענטן פון „מ. ה.", ווו זיינען זיי און וואָס טוען זיי?—אַ. בולקין.
דראַמאַטישער קרייז — * * * . . . . . . .
געלט=באַריכט פון דער קאָלאָניע=קאָמיסיע — הירש לעווינסאָן . .
די וואָס זיינען אוועק פון אונדז. . . . . . . .
רשימה פון די לערער וואָס האָבן געאַרבעט אין דער יינגלשול
אין משך פון די 15 יאָר. .
צוזאַמענשטעל פון פעד. ראַט, עלטערן=קאָמ. און שול=קאָמ.
פאַרן לערניאָר 1930—1931 . .
אויפרוף פון די אַביטוריענטן. . . . . . . .
אויפרוף פון עלטערן=קאָמיטעט . . . . . . .
16 בילדער פון שול=לעבן . . . . . . . .

# יידישע עלטערן!

צום 15־יאָריקן יובל פון דער ייִנגלשול „מפיצי־השכלה“ האַלטן מיר עלטערן פאַר אונזער חוב צו זאָגן אייך דאָס, וואָס מיר מיינען און טראַכטן וועגן דער שול, וואו אונזערע קינדער באַקומען זייער בילדונג און דערציאונג.

די יידישע שול איז געווען דער לאַנגיאָריקער טרוים פון די ברייטע יידישע מאַסן; די ווירקלעכקייט האָט אונז ניט אָפּגענאַרט: די שול דערציט אונזערע קינדער אין פאָלקסטימלעכן גייסט, זי בינדט זיי צו צום פאָלק, זי גיט זיי די מאָדערנע דערציאונג, גרייט זיי צו צום קומענדיקן זעלבסטשטענדיקן לעבן, מאַכט זיי פאַר באַוואוסטזיניקע און נוצלעכע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. זי גיט זיי דעם נויטיקן סכום ידיעות יידישע און אַלגעמיינע און אַ געהעריקע פיזישע און גייסטיקע אַנטוויקלונג.

**טאַטעס און מאַמעס!** ווילט איר, אַז אויך אייערע קינדער זאָלן ניט ווערן אַפּגעפרעמדט פון זייער היים און סביבה, אַז די שול־יאָרן זאָלן זיין פאַר זיי יאָרן פון פריידיקער אַרבעט, פון נאַטירלעכער אַנטוויקלונג, גיט זיי אָפּ דאָרט, וואו עס לערנען זיך אונזערע קינדער, — אין דער ייִנגל־שול „מפיצי־השכלה“, אין די יידישע שולן ביים צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט! מיר, עלטערן, זיינען גליקלעך איצט צו פייערן צוזאַמען מיט די לערער און דעם צב״ק דעם גרויסן יום־טוב פון דער שול. מיר האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון קיינעם, ניט געלאָזט זיך פאַרקויפן פאַר זיסע רייד, פאַר כלומרשטע תכלית־צוזאָגן און מיר האָבן ניט קיין חרטה, די שווערסטע יאָרן זיינען מיר געבליבן טריי דער שול און היינט צום יובל קומען מיר מיט אַ ריינעם געוויסן אַלס אמתע פריינט אירע און רופן אייך אַלעמען אויך צו אונז פאַרגרעסערן די מחנה פון אירע פריינט און סימפּאַטיקער.

דאָס פּראָגראַם פון אונזער שול נעמט אַרום אַ ברייטן קורס פון פאָלגנדע לימודים: יידיש, יידישע געשיכטע און ליטעראַטור, העברעאיש און תנ״ך, פּויליש, פּוילישע ליטעראַטור, נאַטורוויסנשאַפט, געאָגראַפיע, אַריטמעטיק, אַלגעברע, געאָמעטריע, האַנטאַרבעט, צייכנען, געזאַנג, דייטש, גימנאַסטיק.

די שול געפינט זיך אין אַ גערוימיקן היגיעניש צוגעפּאַסטן לאָקאַל; זי באַזיצט אַ שפּיל־פּלאַץ מיט אַ שול־גאָרטן, וואו די קינדער פאַרברענגען בעת די הפסקות, אַ רייכן פיזיקאַלישן און כעמישן קאַבינעט, אַ ביבליאָטעק, אַ צייכן־זאַל, אַ שול־אָרקעסטער.

טאַטעס און מאַמעס! דערפילט אייער חוב לגבי אייערע קינדער! פאַרגרעסערט די מחנה פון פריינד פון דער ייִנגלשול „מפיצי־השכלה“!

## עלטערן־קאָמיטעט

בײַ דער ייִנגל־שול „מפיצי־השכלה“

ווילנע, פסח, תרצ״א. בעלינע גאַס 4